STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02140

GOT, MENSH UN VELT

E. Zborowski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גאט, מענש און וועלט,

אדער

דער אוצר פון געדאנקען.

אַ זאמלונג פון מיינונגען, געדאנקען און אנשויאונגען איבער וועלט און מענשען, פון די גרעסטע דענקער, דיכטער און פהילאזאפען וועלכע האבען געווירקט אין דער וועלט ליטעראטור.

געקליבען און בעארבייט אין יודיש פון

ע. זבאראווסקי.

דרוק און פערלאג פון
די לאנדאן היברו פאבלישינג קאמפאני
מאזין אונד קאמפ. לימיטעד.
—— 141, וויטשעפעל רויד, לאנדאן. ——
1910.

PRINTED AND PUBLISHED BY
THE LONDON HEBREW PUBLISHING COMPANY,
MAZIN & Co. LTD.
141, Whitechapel Road, London, E.

פאָרוואָרט.

עס איז ניט אונזער אַבזיכט אין דיזען פֿאָרוואָרט צו לויבען און ריהמען דעם בוך „גאָט, מענש און וועלט", אום איינצורעדען דעם אידישען פּובליקום צו לעזען איהם, ווייל מיר האלטען פֿונ'ם פּסוק: „יהללך זר ולא פיך". מיר ווילען נור אויפֿמערקזאם מאכען דעם יודיש לעזענדען פּובליקום, דאס דיזער בוך איז א נייע ערשיינונג אין דער יודישער ליטעראַטור. עס איז א בוך אין וועלכען יעדער לעזער, צו וועלכער קלאססע ער זאל ניט בעלאנגען וועט געפֿינען אין איהם זיין טעם, זיין געשמאק און געפֿיהל. עס איז א בוך אין וועלכען דער דענקענדער מענש וועט האבען איבער וואס נאכצודענקען, דער געבילדעטער וועט קענען שעפּפען עטוואס בילדונג, דער שרייבער קען אין איהם געפֿינען א מאָטאָ צום שרייבען, דער רעדנער און מגיד וועט געפֿינען אין איהם אַ טהעמא איבער וואס צו רעדען און דער איינפֿאכער לעזער וועט געפֿינען אין איהם ריינעם עכטען הומאר און וויטץ מיט וואס זיך אונטערצוהאלטען. מיט איינעם וואָרט עס איז אַ בוך פֿון אַ ל ל ע ס איבער אַ ל ל ע ס און פֿיר אַ ל ע מ ע ן.

די ארויסגעבער.

גאט מענש און וועלט,

אדער

דער אוצר פון געדאנקען.

די וועלט איז דאס לעבעדיגע אבבילד פֿון גאָטט.

(קאַמפּאַנעלאָ).

* * *

דאָס וועלטאַלל איז איין צירקעל, וועמעס מיטעלפונקט איז איבעראל, און וואס האט קיין אַנפֿאַנג.

(פּאַסקאַל).

* * *

איך גלויב דאָס אַ וועלט אָרדענונג, וועלכע דער מענש בעגרייפֿט, וואלט פֿיר איהם אונערטרעגליכער געווען ווי די וועלכע ער בעגרייפֿט ניט.

(העבבעל).

* * *

די וועלט איז נור א גרויסער געפֿענגניש, אויס וועלכען עס ווערען יעדען טאָג ארויס געפֿיהרט איניגע צו דער הינריכטונג.

(וואלטער רעליי).

* * *

אין מייסטע שפראכען רופֿט זיך די ערד אן אַלס ווייב-ליכעס געשלעכט (בלשון נקבה), און דאס איז אויך זעהר ריכטיג, דען פונקט ווי ביי דאס ווייבליכע געשלעכט, קען מען אויך ביי איהר ניט אויס געפֿינען ווי אַלט זי איז......

* * *

מיר וואַנדערען אַללע אַרום אין געהיימניססע, מיר זיינען אַרום גערינגעלט פֿון אַנ׳אַטמאָספֿהערע, פֿון וועלכע מיר וויסען נאָך אַבסאָלוט גאָר ניט וואס עס טהוט זיך אין איהר, און וואס פֿיר אַ פֿערבינדונג זי שטעהט מיט אונזער גייסט.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

אונזער געפֿיהל פֿיר די נאַטור איז פונקט ווי די עמפּ-פֿינדונג פֿונ׳ם קראַנקען פֿיר די געזונדהייט.

(שיללער).

❊ ❊ ❊

ווען די נאַטור זאָל האָבען אַזוי פֿיעל געזעטצע ווי דער שטאַאַט, גלויב איך דאָס גאָט אַליין וואלט זי ניט געקענט רעגיערען.

(בערנע).

❊ ❊ ❊

וואָס מעהר מיר מאַכען די נאַטור דיענסטבאר פֿיר אונז, אַלס מעהר ווערען מיר פֿון איהר אָבהענגיג.

(מאָהר).

❊ ❊ ❊

די נאַטור איז ניט גרויזאם און ניט ליעבעפֿאָלל, ניט גוט-הערציג און ניט האַרטהערציג, זי איז איינפֿאך געזעצמעססיג.

(דיפרעל).

❊ ❊ ❊

פֿון צייט צו צייט נעהמט די נאטור אָן שטאַרקע עררע-גונגען פֿיר איהר קראַפֿט, דאַמיט דער מענש זאלל זיך ניט אין גאנצען פֿערליערען אין גענוסס פֿון לעבען.

(קאַנט).

❊ ❊ ❊

און ווען דאס הערץ אין מענשען איז צוריססען, צושני-טען און צובראָכען, בלייבט איהם דאך נאָך איבער דאָס שעהנע, ביטערע לאַכען.

(היינע).

* * *

דעם מענשענ'ס נשמה איז גלייך צום וואַסער, און זיין שיקזאל צום ווינד.

(געטהע).

* * *

די גאַנצע וועלט איז א ביהנע און אַלע פֿרויען און מעננער זיינען אַקטיאָרען.

(שעקספּיער).

* * *

אַללע זאַכען געשעהען אויס נויטווענדיגקייט, אין דער נאַטור גיבט עס ניט קיין גוטעס און ניט קיין שלעכטעס.

(שפּינאָזא).

* * *

די נשמה האָט ניט קיין אונבעדינגטען אדער פֿרייען ווילען, זאָנדערען זי ווערט צו דיעזען אדער יענעם ווילען דורך אַ געוויסע אורזאַך ערוועקט, און אויך דיעזע אורזאַך ווערט דורך אַנ'אַנדערע באַשטימט.

(שפּינאזא).

* * *

די ערד איז אַ לאַנגע ברייטע שאָסיי, די מענשען זיינען די פּאַסאַזשירען, מען לויפֿט און מען יאָגט צו פֿוס און אויף פֿערד ווי לויפֿערס אָדער קוריערען.

(הײנע).

* * *

דאס לעבען איז אונז געגעבען געוואָרען צו ליעבען און צו פֿערגעסען אונזער „איך". פֿעהלט דעם מענשען דיעזע זאַכען, טאָ וואס האָט ער פֿון לעבען? האָט ער זיי יאָ, טאָ וואס פֿעהלט איהם, און איבער וואס האט ער קלאַגען?

(הערדער).

* * *

אין דער קירכע אדער אין שטאַאַט
הערשט מען, אָדער מען ווערט רעגיערט.
ביי דיא תנאים אדער ביי דער הייראט
נאַרט מען יענעם אָדער מען ווערט פערפיהרט.
ביי'ם שפּיעל אדער ביי'ם געשעפט
בעשווינדעלט מען אָדער מי ווערט בעשווינדעלט
אין דעם קריעג אדער אין פריעדען
זאָגט מען ליגענס און מען הערט ליעגען
אין געזעלשאפט אדער צווישען קרובים
דולדעט מען אדער מען ווערט געדולדעט
ביי דעם קאַמפף אום דאָס דאַזיין
שלאָגט מען און מען ווערט געשלאָגען.

(קאַרל קנאָרטין).

* * *

אמת! די בלומען פארוועלקען, און די בלעטער פון די בוימער פאַלען, אָבער מען זעהט אויך די בלומען בליהען און פריכטע וואקסען אויף די ביימער, דאס לעבען געהערט צו די לעבענדיגע, און ווער עס לעבט, מוז זיין געפאסט אויף יעדען לעבענסוועכסעל.

(געטהע).

* * *

אָט פונקט ווי אַ טהייערער גוטער וויין אזוי איז דאָס לעבען, צו ביסלעך, זופּ פיר זופּ מוזען מיר איהם טרינקען, דען דער בעסטער וויין פערליערט זיין געשמאַק און מען קען זיין ווערטה ניט וויסען ווען מען טרינקט איהם אויס אין איין צוג ווי וואסער.

(פייערבאך).

* * *

עס איז בעסער צו זיין איין בעטלער אין העלען ליכט, אַלס אַ קעניג אין דער שטענדיגער פינסטערניש.

(האַמער).

* * *

די מענשען זענען נישט אַזוי גוט, ווי עס שילדערען זיי די פֿריינד, און נישט אַזוי שלעכט, ווי עס שילדערען זיי די פֿיינד.

(קניגגע).

* * *

ווער עס האָט דיך ליעב געקריגען איבער אַ נארישקייט, קען דיך אויך פֿיינד קריעגען איבער אַ קלייניגקייט.

(פעניני).

* * *

פֿאַלשע פֿריינדשאַפֿט טהוט אונז מעהר שלעכטעס אַלס אָפֿענע פֿריינדשאַפֿט.

(מאָרים).

* * *

היט דיך פֿאַר דיין פֿריינדס פֿיינד, גלייך ווי פֿאַר דיין פֿיינד'ס פֿריינד.

(מיידאני).

* * *

אַ פֿאַלשער פֿריינד איז געפֿעהרליכער פֿאַר אַן'עה־ליכען פֿיינד.

(מאַקאַראָוו).

* * *

ווער עס זוכט אַ פֿריינד אָהן חסרונות, בלייבט אָהן אַ פֿריינד.

(טערקישעס שפריכוואָרט).

* * *

היט מיך גאָט פֿון מיינע פֿריינד, פֿאַר מיינע פֿיינד וועל איך מיך זעלבסט היטען.

* * *

פֿאַלשע פֿריינד זענען, ווי די וואַנדער־פֿויגעל, וועלכע קומען נור צו פֿליהען אין דער גוטער צייט און אין דער שלעכטער—פֿליהען זיי אַוועק.

(בואַסט).

* * *

אַנ׳איבערגעבעטענער פֿיינד איז ווי אַ צוויי־געקלעבטער צובראָכענער שפּיגעל.

(סוטאָר).

* * *

ווער עס האָט צוטרויען צו זיך זעלבסט, געווינט אויך צוטרויען ביי אַנדערע.

(געטהע).

* * *

דער מענש פֿערשטעהט נור דאַן דאָס לעבען, ווען ער האָט צוטרויען צו זיך זעלבסט.

(געטהע).

* * *

פֿאָרזיכטיג זאָל מען זיין אין צוטרויען, פֿאָרזיכטיגער אָבער—אין אונצוטרויען.

(עטוועש).

* * *

דער מענש דאַרף זיין דער העדר פֿון זיין ווילען און דער שקלאַף פֿון זיין געוויסען.

(עשענבאַך).

* * *

געוויסען איז די שטימע פֿון דער נשמה,ליידענשאַפֿט— איז די שטימע פֿונ׳ם קערפּער.

(זשאַן זשאַק רוסאָ).

* * *

עהרע איז אונזער אויסערליכעס געוויסען; געוויסען — אונזער אינערליכע עהרע.

(שאָפּענהויער).

* * *

נישט אַלעמאָל איז מעגליך זיך צוהאַלטען אַזוי ריין, ווי די שטימע פֿון אונזער געוויסען הייסט אונז.

(שילער).

* * *

געוויסענהאַפט קען נור זיין דער טעאָרעטיש-בעטראַכ-טענדער, דער פראַקטיש-טהעטיגער איז שטענדיג געוויסענלאָז!
(געטהע).

❊ ❊ ❊

געוויסען איז אַ געריכטס-הויז, וואו דער מענש ווערט גלייכצייטיג זיין בעשולדיגער, עדות, ריכטער און הענקער.
(לאַלוצערן).

❊ ❊ ❊

עס איז נישטאָ קיין פייניגענדערע זאַך, ווי אַ צו שפּעטע חרטה.
(דיקענס).

❊ ❊ ❊

חרטה האבען הייסט נים צוגעבען צו דער בעגאַנגענער נאַרעשקייט אַ פּרישע.
(ניטצשע).

❊ ❊ ❊

חרטה האָבען הייסט—נישט אַזוי בעדויערען דאָס בע-גאַנגענע פערברעכען, ווי זיך פּירכטען פאַר די פאָלגען.
(לאראָשפוקאָ).

❊ ❊ ❊

מען קען ענטלויפען פונ׳ם פאַטערלאַנד, אָבער נישט פון זיך זעלבסט.
(האָראציוס).

❊ ❊ ❊

מוטה איז די קראַפט פונ׳ם שוואַכען.
(פענעלאָן).

❊ ❊ ❊

דער מוטה איז נעהנטער צו דער טהאַט, אלס דער ווילען.
(געטהע).

❊ ❊ ❊

דער וואַהרער מוטה איז נישט נור אַ לופט-באַלאָן צו קומען אין דער הויך; ער איז אויך אַ פאַל-שירם נישט צוריק אַראָבצופאַלען.

(בערנע).

* * *

דער בעסטער טהייל פון דער מוטהיגקייט איז די פאָרזיכטיגקייט.

(שעקספיער).

* * *

דער וואַהרער מוטה בעשטעהט אין קענען איבערטראגען ליידען.

(וואָלטער).

* * *

אינ'ם קאַמפף זיעגט נור דער, וועלכער גלויבט פעסט אין זיין זיעג.

(טאָלסטאָי).

* * *

זיך זעלבסט בעקעמפפען איז דער שווערסטער קאַמפף, זיך זעלבסט בעזיעגען איז דער שעהנסטער זיעג.

(לאָגאו).

* * *

דער בעסטער זיעג איז פערצייהונג.

(שילער).

* * *

איבערצייגען איז וויכטיגער, אַלס זיעגען.

(פיערמאָן).

* * *

בעסער אַ שרעקליכע ענדע, אַלס אַנ'אונענדליכע שרעק.

(שילער).

* * *

האָב מורא פאַר דעם, וועלכער האָט מורא פאַר דיר.

(פערסיש. שפריכוואָרט).

* * *

קיין אונגליק איז נישט אַזוי גרויס, ווי גרויס עס איז די מורא פֿאר איהם.

(טשאָקע).

* * *

דער אונערשראָקענער איז נישט וועניגער שטאַרק, אַלס דער, פֿאר וועמען אַלע שרעקען זיך.

(שילער).

* * *

לייכטער איז העלפֿען אַ הונגעריגען, אַלס אַנ'איבערגעגעסענעם:

(עשענבאַך).

* * *

לוקסוס האָט דעם נוטץ, וואָס אָרעמע לייט האָבען צו טהון, וואָלט אָבער קיין לוקסוס נים געווען, וואָלטען אויך קיין אָרעמע לייט נישט געווען.

(זשאַן זשאַק רוסאָ).

* * *

דער גרויסשטאָדטישער לוקסוס ערנעהרט מעהר אָרעמע לייט, אַלס די פילאַנטראפיע.

(מאָמזען).

* * *

לוקסוס איז נור אין אזאַ לאַנד ערלויבט, וואו קיינער שטאַרבט נישט פֿאר הונגער.

(בואסט).

* * *

דורך אַ שטיין פרובט מען גאָלד, און דורך גאָלד,—אַ מענשען.

(ווינקלער).

* * *

מיט גאָלדענע קוילען טרעפֿט מען אימער אין ציעל.

(דיהרינגספעלד).

* * *

מיט אַ גאָלדען העמערעל קאָן מען אייזערנע טויערען צוברעכען.

(לעהמאַן).

* * *

גאָלד איז אַ קראַפֿט און וואָס מעהר די יאָהרען שוואַכען אונז אָב, מעהר זוכען מיר דאַרין שטיצע.

(בואַסט).

* * *

גאָלד איז דאָס בלוט פֿונ'ם געזעלשאַפֿטליכען קערפּער; די בירגער, וועלכע האָבען עס צו ווייניג אָדער צופֿיעל, זיינען קראַנק.

(בואַסט).

* * *

האָטש די מאַכט איז אַ ווילדער בער, פֿיהרט איהר דאָך דאָס גאָלד פֿאַר די נאָז.

(שעקספּיער).

* * *

געלד איז אַ שעהנע זאַך, נור די מענשען ווייסען נישט, ווי דאַמיט זיך צובענעהען.

(הירצל).

* * *

געלד איז אַ מעטאַלענער אָבזאַץ פֿיר קליינינקע מענש-לעך, זיי זאָלען אויסזעהען אַזוי הויך ווי אַנדערע.

(זאַפֿיר).

* * *

געלד איז אַ שלעכטער הערר, אָבער זעהר אַ גוטער דיענער.

(בעקאָן).

* * *

ווער עס רעכענט, אַז מיט געלד קאָן מען אַלעס מאַכען, איז אויך פֿעהיג פֿאַר געלד אַלעס צו טהון.

(בואַסט).

* * *

געלד איז ביי קלוגע—אַ מיטעל, ביי נאַרען — אַ צוועק.

(דעקורסעל).

* * *

עס איז נאָך ווייניג געלד צו ליעבען, מען דאַרף אויך, אַז דאָס געלד זאָל דיך ליעבען.

(ראָטהשילד).

* * *

געלד—דאָס איז גאָלדענע טרעהרען, וועלכע דאָס שיקזאַל פֿערגיסט איבער דעם קאָפּ פֿון אַ מענשען, וואָס האָט נישט קיין האַרץ אין דער ברוסט.

(זאַפיר).

* * *

די בערזע איז דער טעמפּעל פֿון די נייע געצענדיענער: זייערע געטער זענען שטיקער גאָלד, זייערע הייליגע בילדער—די באַנק-פּאַפּיערען, זייער גאָטעס-דיענסט—די שפּעקולאַציעס, זייער תשובה—די ליקווידאַציע.

(מאַקאַראָוו).

* * *

מיט אַ קליינער הלואה קויפט מען זיך אַ בעל-חוב, מיט אַ גרויסער — אַ שונא.

(סענעקא).

* * *

מען זאָגט אָפֿט: יענער איז בדלות געוואָרען, ווייל ער האָט אָנגעמאַכט חובות; דאָס איז אָבער נישט ריכטיג; עס איז נור דאַרום, ווייל ער האָט זיי בעצאָהלט.

(זאַפיר).

* * *

באָרגען איז נישט פֿיעל בעסער פֿון בעטלען, אַזוי ווי פֿערבאָרגען אויף פּראָצענט — איז נישט פֿיעל בעסער פֿון גנב'נען.

(בואַסט).

* * *

די קנאה דויערט געוועהנליך לענגער, אַלס דאָס גליק פון די יעניגע, וועלכע מיר זענען מקנא.

(לאַראָשפוקא).

* * *

איינעם מקנא זיין, הייסט עס — זיך האַלטען ניעדריגער פאַר איהם.

(מאַד. גיבער).

* * *

אָפט זענען מיר מקנא אַזעלכע, וועלכע זענען אומגליק־ליכער פאַר אונז.

(דע טעים).

* * *

די מענשען האָבען אַנ'איינגעשאַפט צו בעשיטען מיט בלאָטע די יעניגע, וועלכע זענען העכער פאַר זיי.

(סערוואַנטעס).

* * *

האָב נישט מורא פאַר אַ הידרא מיט זיעבען קעפ, נור פאַר אַ מענשען מיט צוויי צונגען.

(פערסיש. שפריכוואָרט).

* * *

ווער עס הערט רכילות, איז נישט וועניגער שולדיג פאַר דעם, וועלכער זאָגט עס.

* * *

כעס איז דאס געוועהר פונ'ם שוואַכען.

(סעגיר).

* * *

דאָס ענדע פון כעס איז דער אָנפאַנג פון חרטה.

(פסיידאָ פובליליוס).

* * *

זיך בייזערען הייסט—זיך זעלבסט בעשטראַפען פאַר די שולד פון אַנדערע.

(פאָפ).

* * *

דעם מענשענס פֿערברעכען זענען פֿאר אונז בעלעהרענ-
דער, אַלס זיינע גוטע טהאַטען.

(פאסקאַל)

* ❊ ❊

די גרויסע פֿערברעכען מאַכען דעם מענשען אַזוי אונ-
שטערבליך, ווי די גרויסע העלדענ-טהאַטען.

(דעזאווליער).

❊ ❊ *

ווער עס קען נישט ליעבען מוז קענען חנפֿ'נען.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

וועה איז דעם, וועלכער געפֿעלט נישט קיינעם; היט מיך
אָבער גאָט פֿון דעם, וועלכער געפֿעלט אַלעמען.

(פיערמאָן).

❊ ❊ ❊

די מענשען זענען עגאָאיסטען, און נור שילער און נאַראָ-
נים טראַכטען, דאָס זיי ווערען זיי איבעראַנדערשען.

(געטהע).

* ❊ ❊

מיר זענען אַלע אָהן אויסנאַהם עגאָאיסטען, זאָגאַר אינ'ם
גרעסטען טרויער און אין די גרעסטע שמערצען.

(אַנדערסאָן).

❊ ❊ *

אויף דער גרויסער וועלט-סצענע איז דער עגאָאיזם
דער סופלער.

(בואסט).

❊ ❊ ❊

ווען דו רעדסט ווי אַנ'עגאָאיסט, פֿערגעס נישט אָן דעם
עגאָאיזם פֿון דיינע צוהערער.

(פיערמאָן).

❊ ❊ ❊

ווער עס נעהמט זיך צופיעל אָן פאַר פרעמדע אינטערע-סען, ווערט אימער דאַצו געטריעבען דורך זיינע אייגענע.

(בעיל).

* * *

פיעלע האָבען ליעב אין זיך דאָס, וואָס זיי האַסען אין אַנדערע.

(בענצעל-שטערנוי).

* * *

דער פערשווענדער עסט פריהשטיק מיט רייכקייט, מיטאָג מיט מאַנגעל, אָבענד-ברויט מיט אָרעמקייט און לעגט זיך שלאָפען מיט בזיון.

* * *

מיר האַלטען געוועהנליך פאַר קלוג יענעם, וועלכער איז איינשטימיג מיט אונזערע מיינונגען.

(לאַראָשפוקאָ).

* * *

דאָס געפיהללאָזיגקייט פונ'ם עגאָאיזם גיט זיך אַמאָל א נאָמען פהילאָזאָפיע.

(בואַסט).

* * *

איבערמעסיגע עניוות איז דאָס זעלבע, וואָס איבערמע-סיגער שטאָלץ.

(שעניע).

* * *

דער גרעסטער עניו האַלט פון זיך מעהר, ווי עס האַלט פון איהם זיין בעסטער פריינד.

(עשענבאַך).

* * *

ווער עס האַלט נישט פון זיך צופיעל, איז אָפט העכער אַלס ער רעכענט.

(געטהע).

* * *

זעלבסט-ערנידערונג איז העסליכער, אַלס זעלבסט־פערעהרונג.

(שעקספיער).

* * *

ווען מיר זאָלען אַליין נישט געווען שטאָלץ, וואָלטען מיר זיך אויך נישט בעקלאָגט אויף דעם שטאָלץ פון אַנדערע.

(לאַראָשפוקאָ).

* * *

עס האָט אַ טעות יענער, וועלכער רעכענט, דאָס ער קאָן זיך בעגעהען אָהן אַנדערע, אַ גרעסערען טעות אָבער האָט אַזעלכער, וואָס רעכענט, אז אַנדערע קאָנען זיך נישט בעגעהן אָהן איהם.

(לאַראָשפוקאָ).

* * *

דאָס גרויס-האַלטען זיך איז אַלעמאָל געווען דער חסרון פון די פלעבעיער (המון).

(עשענבאַך).

* * *

געלד פערליערען—גאָר נישט פערלוירען, צייט פערליערען—פיעל פערלוירען; ענערגיע פערליערען,—אַלעס פערלוירען.

(ריבעירא).

* * *

דער טראָפּען לעכערט דעם שטיין נישט דורך קראַפט, נור דורך זיין אָפטעס פאַלען.

(תערילאָס).

* * *

צופאַל און שיקזאַל זענען נור ווערטער; אָנגעשטרענגטע ענערגיע—אָט דאָס איז דעם מענשענס שיקזאַל.

(יום).

* * *

דעם מענשענ׳ס אונאויפהערליכע איבונג, געווענדעט צו איין ציעל, קאָן ענדליך טריומפירען איבער נאטור און וויסענשאפט.

(ציצערא).

* * *

דעם מענשען פעהלט נישט קראפט, עס פעהלט איהם ווילען.

(וו. הוגאָ).

* * *

פיר אַ מענשען, וועלכער קען וועלען, איז קיין אונמעג-ליכעס פאַרהאַן.

(מיראבאָ).

* * *

ווילען איז נור אין פרייהייט.

(זשאַן זשאַק רוסאָ).

* * *

דער ווילען מאַכט דעם מענשען גרויס אָדער קליין.

(שילער).

* * *

די שולד פון אַ פערברעכען איז נישט אין דער טהאַט, נור אינ׳ם ווילען.

(ראַאופאַך).

* * *

אַלע בעשעפענישען מוזען, נור דער מענש איז אַ בעשע-פעניש, וועלכעס וויל.

(שילער).

* * *

ווער עס גלויבט פעסט אין דער ווילענס-פרייהייט פונ׳ם מענשען, האָט נאָך קיינמאָל נישט געליעבט און קיינמאָל נישט געהאַסט.

(עשענבאַך).

* * *

ווילענס-קראַפֿט אָהן ווילענס-איידעלקייט בילדעט דעם שלעכטעסטען כאַראַקטער.

(וועבער).

* * *

ווער עס וויל נישט, ווען ער קען, דער קען שוין נישט, ווען ער וויל.

(לאַטייניש. שפּריכוואָרט).

* * *

דער מענש קען טהון אַלעס, וואָס ער וויל, אויב ער וועט נור ווילען טהון אַלעס, וואָס ער קען.

(זאַפיר).

* * *

די קינדהייט ווייזט אונז דעם מענשען, אַזוי ווי דער מאָרגען — דעם טאָג.

(מילטאָן).

* * *

אין דער קינדהייט איז אונז די וויעג צו גרויס, ווערען מיר עלטער איז פֿאַר אונז די גאַנצע וועלט צו קליין.

(שילער).

* * *

קינדער זענען בעסערע פֿיזיאָגנאָמיסטען, אַלס דערוואַקסענע.

(מערסיע).

* * *

פֿאַר קינדער עקזיסטירען נישט פֿערגאַנגענהייט און צוקונפֿט, זיי לעבען נור אין דער געגענוואַרט.

(לאַבריער).

* * *

אין קינדערשע שפּיעלען ליעגט אָפֿט אַ הויכער זין.

(שילער).

* * *

דער הויפּט-פּעהלער פֿון דער יוגענד איז, דאָס זי האַלט זיך אימער גליקליכער אָדער אונגליקליכער, אַלס זי איז.

(לעסינג).

* * *

אין דער יוגענד לערנט מען, אויף דער עלטער פֿער-שטעהט מען.

(עשענבאך).

* * *

ווער עס פֿאָלגט נישט זיינע עלטערען אין דער יוגענד, וועט פֿאלגען דעם הענקער אויף דער עלטער.

(דייטש. שפריכוואָרט).

* * *

לאַנג לעבען וויל יעדער, אַלט ווערען — קיינער.

(סוויפט).

* * *

דאָס עלטער איז אַ טיראַן, וועלכער פֿערוועהרט די פֿערוויילונגען פֿון די יונגע לייט דורך דראָהען מיט טויטשטראָף.

(לאַראָשפֿוקאָ).

* * *

די עלטער איז פֿאַר אונזיסענדע — ווינטער, פֿאַר גע-לעהרטע—שניט-צייט.

* * *

ווי שרעקליך די עלטער איז נישט, וויל עס דאָך יעדער דערלעבען.

(בואסט).

* * *

אויף דער עלטער ווערט דער מענש קלוגער אָדער נאַרישער.

(לאַראָשפֿוקאָ).

* * *

אויף דער עלטער דאַרף מען זיין טהעטיגער, ווי אין דער יוגענד.

(געטהע).

* * *

די ליעבע צום לעבען מאַכט אונז די עלטער ווינשענס-
ווערט, די פֿאָרכט אָבער פֿאַר׳ן טויט מאַכט זי אונז שרעקליך.
(לאַבריער).

* * *

אַנ׳אַלטער פֿאָעט, אַנ׳אַלטער געליעבטער, אַנ׳אַלטער
זינגער און אַנ׳אַלט פֿערד טויגען צו גאָרנישט.
(וואָלטער).

* * *

אַלטע האָבען ליעב די רעגעלען, יונגע—די אויסנאַהמען.
(געטהע).

* * *

די צייטען בייטען זיך און מיר מיט זיי.
(קייזער לאָטהאַר).

* * *

די וואַרהייט געהערט די מענשען, דער אירטהום —
דער צייט.
(געטהע).

* * *

גלייכער איז צו טהון די גרינגסטע זאַך, ווי צו האַלטען
אַ האַלבע שעה פֿאַר גרינג.
(געטהע).

* * *

די צייט איז אונבעוועגליך, ווי אַ ברעג פֿון אַ טייך. אונז
דוכט, אַז ער געהט, ווערענד אין אמת׳ן געהען נור מיר.
(בואַסט).

* * *

מיר בעקלאָגען זיך אָפֿט אויף די שלעכטע צייט, ווערענד
אין אמת׳ן זענען נור מיר שלעכט.
(זאַפֿיר).

* * *

די מענשען פערברענגען נישט די צייט, די צייט פערברענגט זיי.

(זאַפיר).

* * *

פאַרהאַן גנבים, וועלכע ווערען פון די געזעצען נישט בעשטראָפט, האָטש זיי רויבען אַוועק ביים מענשען דאָס טהייערסטע: די צייט.

(נאַפּאָלעאָן).

* * *

דער גרעסטער פערלוסט איז צייט-פערלוסט.

(טעאָפראַסט).

* * *

מאָראַליטעט און ציוויליזאַציע העלפען זיך איינע דער אַנדערער.

(מאַד. דע סטאַל).

* * *

זיך אָבגעוועהנען פון שלעכטע זיטען איז לייכטער היינט, ווי מאָרגען.

(קאָנפוציוס).

* * *

די מאָראַל-לעהרע ערקלעהרט זיך לייכטער אין קורצע שפּריכען, אַלס אין לאַנגע רעדען.

(אימערמאַן).

* * *

רייניג אָב דיין פעלד פון די מיסטיגע גרעזער, און די שמעקענדיגע בלומען וועלען שוין אַליין אַרויסוואַקסען.

(פיערמאָן).

* * *

די מאָראַליסטען (מוסר-זאָגער) זענען אַפּטייקער, וועלכע מאַכען רעצעפּטען נור פיר אַנדערע.

(נאָעל).

* * *

מיט דעם שוויים פון דיין געזיכט זאָלסטו דיין ברויט עסען.
(ביבעל).

* * *

אַמאָל זיינען די רייכסטע לענדער געווען די יעניגע, וואו די נאַטור איז געווען אַם בעסטען, היינט זיינען די רייך וואו דער מענש איז טהעטיג.
(באקעל).

* * *

ווער עס זאָגט אייך דאָס איהר קענט רייך ווערען דורך עפּעס אַנדערש ווי אַרבייט און שאַרפזאַמקייט, דער איז אַ בעטריגער.
(ב. פרענקלין).

* * *

אַרבייט איז די ברכה פון לעבען. די אויסדויער פון אַלע פרייהייטען בעשטעהט נור אויף די אַרבייטער קלאַססען.
(דאוויד ראמסעי).

* * *

פריה צו בעט געהען, און פריה אויפשטעהן מאַכט געזונד, רייך און קלוג.
(פרענקלין).

* * *

ווען דער טייפעל לעגט אן איי אין דער ווירטשאַפט, ווערט דאָרט אַ שעהנע טאָכטער געבוירען.
(שיללער).

* * *

צו הייראטען אַ פרוי, צוליעב איהר שעהנהייט, איז גלייך ווי מען קויפט אַ פעלד צוליעב די ראזען, יאָ, דאָס לעצטע איז פיעל פערנונפטיגער, דען די ראזען וואַקסען יעדעס יאָהר פרישע.
(קאָטצעבו).

* * *

ראַפאַעל'ס א בילד נייטיגט זיך ניט מען זאָל עס ריהמען.

(איטאַליענישעס וואָרט).

❋ ❋ ❋

צווישען אַללע טהירע, זיינען די פויגעל די שעהנסטע און זיי האָבען אַליין אויך אַ געשמאַק פיר שעהנקייט, פונקט ווי דער מענש. די שעהנע פעדערין פון דעם מענליכען פויגעל בעצויבערט די ווייבליכע פויגעל און עס ציהט איהר צו איהם.

(דאַרווין).

❋ ❋ ❋

אימער און אייביג הערט מען קלאגען איבער די חסרונות פון רייכטהום און די שעדליכע ליעבע צום געלד, און דאָך — איז זיכער — האָט נאָך קיין אַנדערע ליידענשאַפט דער מענש־הייט אַזוי פיעל גוטעס געטאָהן, ווי די ליידענשאַפט צום רייכטהום און געלט. איהר און נור איהר האָבען מיר צו פערדאַנקען דעם גאנצען האַנדעל און אינדוסטריע, וועלכע האָבען אונז בעקאַנט געמאַכט מיט די פראָדוקטען פון פיעלע לענדער, און מיט דעם אומגאנג מיט נאַציאָנען פון פערשיעדענע זיטען, שפּראכע און געדאַנקען. דיזע געלט ליידענשאַפט האָט אונזערע אידעען ערווייטערט, פערברייטעט, צוגעוואָהנט די מענשען צו אונטערנעהמונגען, און אונז געלערענט פיעלע נוצליכע קונסט זאכען. זי האָט אונז געבראַכט אין בעזיטץ פון העכסט שעטצ־באַרע מיטלען צו רעטען מענשען לעבענס, און צו לינדערען די שמערצען. דאָס אַללעס האָבען מיר צו פערדאַנקען די ליעבע צום געלט. ווען עס זאָל חלילה געלינגען די טהעאָלאָ־גען אוים צו ראָטען דאָס געלט, וואלטען מיר דאָס אַללעס פערלאָרען און מיר וואָלטען פערזונקען צוריק אין באַרבאַרישען צושטאַנד. אָהן רייכטהום וואָלט קיינע ליידענשאַפט געווען און אָהן ליידענשאַפט וואָלט קיינע וויסענשאַפט און קיינע קונסט עקזיסטירט.

(באקל).

❋ ❋ ❋

ווער עס וויל ניט אַרבייטען, זאָל אויך ניט עססען.

* * *

הויך געוואַקסענע מענשען זיינען גלייך ווי הויכע הייזער, וואו די אויבערשטע שטאָק צימערען זיינען געוועהנליך לעדיג.

(אַלטער שפרוך).

* * *

דער קאָפּף פֿון אַ נאַרר ווערט קיינמאָל ניט גראָה.

(פֿראנצויזישער שפרוך).

* * *

מען מוז צייגען דעם שלאָף דאָס מען איז ניט זיין שקלאַף. ווער עס ערוואַכט שנעל און שפּרינגט ניט זאָפאָרט אַ־רויס פֿון בעטט, דער פֿערשטעהט ניט דעם וואונק פֿון דער נאַטור. ווער עס שטעלט ארויס איין פֿוס פֿון בעטט, און דעם צווייטען שלעפּט ער נאך, ארבייט אויך מיט אַ האַלבען קאָפּף. דער מיטאַגס שלאָף איז ווי אַ ברענענדיג ליכט אין מיטען טאָג.

(היפּפּעל).

* * *

מיט די פֿערמעהרונג פֿון רייכטהום פֿערמינדערט זיך ניט די אַרמוט, אַזוי לאַנג ווי דאָס געזעטץ וועט ניט הינדערען דיעזע אונגלייכע טהיילונג. אין דעם לאַנד וואו די רייכע ווערען נאָך רייכער, וועלען די אָרימע אַלס אָרימער בלייבען.

(ריקערט).

* * *

וואו דאָס געלד איז הויפּענווייז, דאָרט קומט אויך די זאָרג.

* * *

די קונסט רייך צו ווערען איז אין גרונד ניט אנדערש אַלס די קונסט זיך צו בעמעכטיגען פֿון דעם פֿערמעגענס פֿון אנדערע לייט מיט זייער גוטען ווילען.

(וויילאַנד).

* * *

פּיעלע גיטער — פּיעלע זאָרג. (אבות).

❊ ❊ ❊

עס איז שווער אַ מיליאָנער צו ווערען אָהנע אַנדערע אונ־רעכט צו טהון.

(ראָזעגגער).

❊ ❊ ❊

ווען מען איבערציינגט זיך גענוי ווער עס זיינען אַזוינס די מענשען וואָס בעזיטצען אונגעהייערע רייכטהום, דאַן לעה־רענט מען צוערשט פֿעראַכטען די רייכע, און דאַדורך אויך דעם רייכטהום.

(מאָנטעסקיו).

* ❊ *

ווען דו האָסט אָבער גאָר ניט,
דאַן לאָז זיך בעגראָבען.—
דען אַ רעכט צו לעבען—לומפּ,
האָבען נור, די עטוואָס האָבען.

(היינע).

❊ ❊ ❊

אָרמוטה איז טאַקי קיין שאַנדע, עס איז אָבער זעהר אונבעקוועהם.

(סידניי סמיטה).

* ❊ *

ווען די מענשעןריידען פֿון אַ רייכען מאַן פֿון מיין גלוי־בען, רופֿען זיי איהם „איזראעליט". איז ער אָבער אָרים הייסט ער איין „יודע".

(היינע).

❊ ❊ *

די קאָרטען שפּיעל איז די צושטרייאונג פֿון גייסטיגע לייט, און די ליידענשאַפֿט פֿון די נאַראָנים.

(א. דיומא).

❊ ❊ ❊

די מענשען, ניט די נאַטור, מאַכען אַ לאַנד היימיש.

(אַנדערסאָן).

❊ * ❊

וואָס העכער די ראָזען בליטהען שטרעבען צו דער זונן, אַלס טיעפֿער גראָבען זיך איהרע וואָרצלען אין דער ערד.
(גרימם).

❊ ❊ ❊

וואו איז וועה? וואו איז לייד? וואו איז קריעג? וואו איז קלאָג? און וואו איז וואונדען אָהן אורזאַכען? וואו איז רויטע אויגען? דאָרט וואו מען זיצט שטענדיג איבער'ן וויין.
(משלי).

❊ ❊ ❊

שלעכטע מענשען לעבען נור אום צו עסען און צו טרינקען. גוטע מענשען אָבער עסען און טרינקען אום צו לעבען.
(סאָקראטעס).

❊ ❊ ❊

דאָס בעסטע איז דאָס וואסער.
(פינדאר).

❊ ❊ ❊

דורכ'ן פרעססען קוממען מעהר מענשען אום, ווי דורכ'ן שווערד.
(פֿאָלקסוואָרט).

❊ ❊ ❊

וואַסער איז דאָס שטאַרקסטע געטרענק, עס טרייבט מיהלען.

❊ ❊ ❊

אַלע בייזע מענשען זיינען וואַסער טרינקערס.
(סעגור).

* * *

דאָס צוואַנציגסטע יאהרהונדערט ווערט אין ביער דער-טרונקען.

❊ ❊ ❊

געזונדע זעעלען געפינט מען אין געזונדע קערפערס...

❊ ❊ ❊

דאָס גאַנצע געהיימניס דאָס לעבען צו פֿערלענגערען באַשטעהט אין דעם, עס ניט צו פֿערקירצען.

(פֿייכטערסלעבען).

❊ ❊ ❊

דאָס וואָרט „היגיעניע" באַצייכענט אַ סיסטעמע צו וועלכע עס געהערט אייגענטליך אַלעס וואָס בייטראגט צו דעם קערפּערליכען און גייסטיגען נאָרמאַלען צושטאַנד וועלכען מיר רופֿען געזונדהייט, און די אויפֿגאַבע דער היגיעניע איז צו שטודירען די מיטלען וועלכע מען זאָל אָנווענדען אום דעם געזונדען צושטאַנד ניט נור ווי מעגליך צו ערהאַלטען, נאָר אויך ווי מעגליך צו ערהויבען.

(פעטענקאפער).

❊ ❊ ❊

דאָס בעסטע אויף דער וועלט איז געזונדעס בלוט און שטאַרקע נערווען.

(אויערבאַך).

❊ ❊ ❊

דאָס שווימען איז די האַרמאָנישע אויסבילדונג פֿון דעם קערפּער. עס גיבט קיין קערפּערליבע באַוועגונג, וועלכע זאָל זיך קענען פֿערגלייכען מיט אַ גוט געלייטעטעס שווימען.

(נאָסלער).

❊ ❊ ❊

די אַפּטייק איז אַ טהייערע קיך...

❊ ❊ ❊

טאַבאַק איז גיפֿט.

(לונדאַל).

❊ ❊ ❊

אָפֿענע פֿענסטער טאָג און נאַכט
האָט פֿיעלע היילונג געבראַכט...

❊ ❊ ❊

פֿריידען, שפּייזען מיט אַ מאָאָס, און רוה,
שליעסען פֿיר דעם דאָקטאָר די טהירען צו.

(פֿאָלקס-וואָרט).

* * *

אַ קרוג מיט וואַססער לעשט דעם דורשט; אַ מויל מיט גוטע פֿרוכט שטאַרקט דאָס הערץ; עלענד איז דער וואס פֿערבריינגט די צייט אום זיין בויך וואָס דיקער צו מאַכען.

(אַלט-עגיפּטיש).

* * *

ווער צווינגט אונז דען בלוט צו פֿערגיסען? זעהט, וועלכען איבערפֿלוס פֿון אַלראָס גוטס רינגעלט אַייך ארום, ווי פֿיעל די פֿרוכטען די ערד בריינגט אַרויס, וועלכע רייכטהימער עס ליפֿערען אונז די פֿעלדער און די וויינגערטנער, ווי פֿיעלע בהמות באָטען אונז אָן זייער מילך! וואָס נאָך מעהר פֿערלאַנגט איהר? און וועלכע רציחה טרייבט אייך אַזוי פֿיעל מאָרד צו בעגעהן, ווען איהר זייט געבענשט מיט אַזוי פֿיעל רייכטהימער? איהר פֿערלייקענט אייער מוטער ערד, און קלאָגט נאָך אויף איהר דאָס זי קען אייך ניט גענוג אָנזעטיגען! ווי האָט איהר נאָך דאָס הערץ, ארויף צו בריינגען אויף אייער טיש די הערליכע פֿרוכט פֿון דער ערד, געמישט מיט די ביינער פֿון די געמערדעטע בהמות, און מיט דער מילך פֿון דער בהמה איהר בלוט צו געניסען?

(פּלוטאַרך).

* * *

דער מענש איז געווים קיינמאָל פֿון נאַטור געשאַפֿען אַלס רויב טהיער, דען ער האָט ניט קיינע געקרוממטע און שפּיטציגע ציינער, קיינע שטאַרקע לאַפּעס צו צורייסען, ער איז בעשאַפֿען מיט אונשולדיגע הענד צו איינזאַמלען פֿרוכטען, און מיט פּאַסיגע ציינער זיי צו געניסען.

(רעי).

* * *

דער בעסטער באַווייז דאָס דער מענשליכער געשמאַק נאָך פלייש איז ניט פון דער נאַטור, איז די גלייכגילטינקייט פון קינדער צו פליישיגע געריכטען, און דעם אַפּעטיט וואָס זיי האָבען צו פרוכטען און מילך. עס איז דערפאר פון דער גרעסטער וויכטיגקייט דאָס מען זאָל פון די קינדער ניט רויבען דיעזען נאַטירליכען געשמאַק מיט צווינגען זיי צו עססען פיעל פלייש-שפייז, ניט אַזוי צוליעב זייער געזונד ווי צוליעב זייער כאַראַקטער.

(רוססאָ).

* * *

די לעהרע פון זעעלען-וואנדערונג (גלגול-הנפש) פער־קניפּט דעם מענשען מיט דער חיה. די גאנצע נאַטור איז איינ־געוויקעלט אין א געהיימניספאללען באַנד, נור די רעליגיאָנען, קריסטליכע ווי אידישע, האָבען געמאַכט אַ צווישענשייד פון מענש ביז חיה.

(שטרויס).

* * *

דער וועלכער גיט זיין צושטימונג צו ערמאָרדען אַ בהמה, דער וועלכער צושניידעט איהר, דער וועלכער פערקויפט דאָס פלייש פון איהר, דער וועלכער קויפט, דער וועלכער בערייט עס צו צום עסען, דער וועלכער דערלאַנגט עס צום טיש, און דער וועלכער עסט עס, די אַלע זיינען מערדער.

(מאַנו).

* * *

אונטער אַלע קונסטען איז די היילקונסט די פאָרנעהמסטע.

(היפּאָקראַטעס).

* * *

די הייל-קונסט פיהרט צום פרומקייט צו גאָטט, און צו ליעבע געגען די מענשען; דאָרט וואו עס איז פאַראַן ליעבע צו דער קונסט, איז אויך פאַראַן ליעבע צו מענשען.

(היפּאָקראַטעס).

* * *

איינצושטעלען דאָס לעבען און דאָס געזונד אום צו רעטען אַ מענשען, איז געוויס אַ נאָבעלע און גוטע זאַך. מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען דאָס אויך אונזער אייגענער לעבען איז טהייער.

❊ ❊ ❊

אַ דאָקטאָר ברויכט ניט צו לעזען קיינע ראָמאַנען, דען ער לעבט זיי דורך.

❊ ❊ *

די עדעלסטע אויפגאַבע פון דער היילקונסט, איז זיך זעלבסט איבערפליסיג צו מאַכען.

(גריכיש וואָרט).

❊ ❊ ❊

הייל מיט פערשטאַנד, ניט מיט מעדיצינען.

(לאַטייניש).

❊ ❊ ❊

דאָרט וואו מעדיצין קען ניט היילען, היילט דאָס אייזען, און וואו דאָס אייזען קען ניט היילען, היילט דאָס פייער.

(היפאָקראַטעס).

❊ ❊ ❊

ווען קראַנקהייט און נאַטור שטרייטען אין איין קערפער, דאַן קומט דער דאָקטאָר און שלאָגט אויףביידע זייטען. טרעפט ער די קראַנקהייט, היילט ער אוים. טרעפט ער די נאַטור, טויטעט ער.

(ניקאָלאַ).

❊ ❊ ❊

די נוצליכקייט פון די דאָקטוירים איז דאָס די ערד זאָל ניט ווערען צו פיעל באַפעלקערט, דען צו וואס באַמיהט זיך גאָטט אונז מיט קראַנקהייטען צו פלאָגען, ווען עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס קענען אונז היילען?

(שיללער).

❊ ❊ ❊

אַ דאָקטאָר וועלכער היילט אָהן געלד, היילט אָהן ערפֿאָלג.
(תלמוד).

* * *

די דאָקטוירים זיינען גלייך צו שאָסיי ברוקירערס; די שלעכטע אַרבייט דעקען זיי צו מיט ערד און זאמד...

* * *

די ערשטע וואַסער-קור איז געווען דער מבול, און זי האָט מעהר געטויטעט ווי געהיילט.
(טשאַרלס לעמב).

* * *

9 פֿון מיינע פּאַציענטען האָבען אַזעלכע שלעכטע קאָנ-סטוטיציאָנען דאָס אַלע דאָקטוירים פֿון דער וועלט וועלען זיי ניט קענען אויסהיילען, און די איבריגע 6 פּאַציענטען האָבען אַזאָלכע געזונדע קאָנסטיטוציאָנען דאָס אַלע וועלט דאָקטוירים וועלען זיי ניט קענען טויטען.
(דר. סעמיועל גארטה).

* * *

פֿריינדליכע מענשען שענקט די נאַטור שוין ביי זייער געבורט דעם שליסעל צו פֿרעמדע הערצער.
(יאַנג).

* * *

ווער איז גליקליך? דער וועלכער פֿעראייניגט אין זיך געזונדהייט, צופֿרידענהייט און בילדונג.
(טהאַלעס).

* * *

מענשליכע גליקליכקייט באשטעהט אין ערפֿאָלגרייכע טהאַטען.
(אריסטאָטעל).

* * *

„האט איהר שוין פיעלע מענשען אוועק געשיקט אויף יענער וועלט?״ האט פרידריך דער גרויסער, ווען ער איז שווער קראנק געוועזען, געפרעגט דאקטאר צימערמאן, דארויף האט דיעזער געענטפערט: „יא, אבער ניט אזוי פיעל ווי אייער מאיעסטעט, און אויך ניט מיט אזוי פיעל שבחים״.

* * *

זא לאנג דו ביסט גליקליך וועסטו האבען פיעלע פריינד. זיינען די צייטען דיינע פערוואלקענט, בלייבסטו אליין.

* * *

איין שפעטעס גליק איז, ווי א שעהנעס הערבסט וועטער, מען האט דערפון דאפעלט הנאה.

(פארוס).

* * *

דאס גליק קען מען ניט פיהלען, ווען מען איז דאמיט געבוירען.
מען פיהלט עס ערשט דאן ווען מען האט עס פערלארען.

(לאנגיי).

* * *

בעפאר דעם טויט און דאס אריין לעגען אין קבר, זאל מען ניעמאנדען גליקליך רופען.

(אוויד).

* * *

דער מענש קען פיעלעס פערליידען, נור
דעם מענשען ניט.

(בערנע).

* * *

צוויי פרעמדע מענשען ברענגט איין שעה פון פערטרויליכע אונטערהאלטונג נעהענטער צוזאמען ווי פיעלע יאהרען אין געוועהנליכען בייזאמען-לעבען.

(באדענשטאט).

* * *

עס גיבט קיין גרעסערע פּיין
ווי אין גן עדן צו זיין.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

מיר קעננען די מענשען ניט לערנען ווען זיי קומען צו אונז, מיר מוזען צו זיי געהען אום צו ערפאהרען ווי עס שטעהט מיט זיי.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

די געזעלשאַפט קען בעטראַכטעט ווערען אַלס גייסטי-געס ערוואָרמען צוזאַמען פונקט ווי דאָס קערפּערליכע ערוואַר-מען ביי גרויסער קעלט דורך מענשליכעס צוזאַממען דרענגען.

(שאָפּענהויער).

❊ ❊ *

קלוג איז דער וועלכער וויים צו קומען צו דער רעכטער צייט, נאָך קלוגער איז דער וועלכער וויים אַוועק צו געהען צו דער רעכטער שטונדע.

(געבעל).

❊ ❊ ❊

די איינזאַמקייט איז אַ שעהנע זאַך, נור מיר ברויכען אימער איינעם וועמען צו ערצעהלען ווי שעהן איינזאַמקייט איז.

(מאַטטיזאָן).

❊ ❊ ❊

דער אָדלער פליעהט אַליין, די וואָראָנעס קאָמפּאַניעס-וויים. דער נאַרר ברויכט געזעלשאַפט, און דער חכם איינזאַמקייט.

(ריקערט).

❊ ❊ ❊

אַ באַלל איז אַ געזעלשאַפט פון פיס, אַ גאַסטמאָהל אַ געזעלשאַפט פון מאָגענס; עס גיעבט אָבער ניט פיעל געזעל-שאַפטען פון קעפּף, און נאָך וועניגער פון הערצער.

(קעסטנער).

❊ ❊ ❊

מיר אונטערהאַלטען די מענשען אַם בעסטען ווען מיר הערען צו וואָס זיי רעדען.

* * *

איין עדלער מענש ציהט צו עדלע מענשען און ווייסט ווי זיי פֿעסט צו האַלטען.

(געטהע).

* * *

פֿריינדשאַפֿט קען זיין פֿעסט נור מיט דעם עלטער ווערען און מיט דער פֿערגרעסערונג פֿון פֿערשטאַנד.

(ציצעראָ).

* * *

האַנדעל און וואַנדעל ליידעט קיינע פֿריינדשאַפֿט, אָבער פֿריינדשאַפֿט ליידעט אויך ניט קיין האַנדעל און וואַנדעל.

(לעססינג):

* * *

ווער עס קען ניט ערטראָגען קיינע פיינדע, איז אויך קיינע פֿריינדע ניט ווערטה.

(שעפּפֿער).

* * *

איין פֿריינד איז איין זעלע אין צוויי קערפּערס.

(אַריסטאָטלעס).

* * *

פֿריינדשאַפֿט געהט אָפֿט איבער אין ליעבע, אָבער ליעבע קיינמאָל אין פֿריינדשאַפֿט.

(בייראָן).

* * *

די ליעבע שיינט צו זיין דאָס צאַרטעסטע פֿון מענשליכען אינסטינקט, און דאָס ווייסען אפֿילו בלינדע און טויבע, איך ווייס אָבער אַז וואַהרע פֿריינדשאַפֿט איז פֿיעל צאַרטער אַלס די ליעבע.

(פלאַטאָן).

* * *

אין דער זעלבער מאָאָס וואָס דו ווילסט עמפּפאנגען, מוזטו געבען. ווילסטו איין גאַנצעס הערץ, זאָ גיב איין גאַנצעס לעבען.

ריקערט.

* * *

ווער עס זוכט פריינד איז ווערטה זיי צו געפינען, און ווער עס האָט ניט קיינע פריינד, האָט זיי מסתמא ניט באַגעהרט.

(לעססינג).

* * *

אויף קיין פריינד זאָלסטו זיך פערטרויען, ערשט אין דער נויט ווערסטו איהם ערקענען.

(בן-סירה).

* * *

קליינע געשענקע האַלטען אונטער די פריינדשאַפט.

(סאַלוסט).

* * *

ווען מען האָט דורכגעליעבט די ליעבע, פאַנגט מען אָן די פריינדשאַפט.

(היינע).

* * *

גאָטט ! באַשיטץ מיך פון מיינע פריינד ; מיט מיינע פיינד וועל איך שוין אַליין פארטיג ווערען.

(בובמאַן).

* * *

בעהאַנדעל דיין פריינד גלייך ווי ער וואָלט געוואָרען דיין פיינד...

* * *

די וואַהרע פריינד פערזיסען אַלע שמערץ און ביטערקייט פון לעבען.

(פענעלאָן).

* * *

ווען אַ מענש מיט פאָרטגעשריטענע יאָהרען מאַכט ניט קיינע נייע באַקענטשאַפט ווערט ער זיך געפינען פערלאָזען. אַ מענש מוז זיינע פריינדשאַפטען אַלע מאָל בענעהען.

(דזשאָנסאָן).

❊ ❊ ❊

נאָט! בענש דעם ווּלכער קומט אויף בעזוך, אָבער קורצען בעזוך.

(אַראַבישע חכמה).

❊ ❊ ❊

איהר זאָלט ליעב האָבען די פרעמדע ווייל איהר זייט אַלליין אויך געווען פרעמדע.

(ביבעל).

❊ ❊ ❊

אפילו ווען מען ווערט שוין ערגעץ גוט אויפגענומען, ברויכט מען דאָך ניט אָפט צו קומען.

(וואָלף).

❊ ❊ ❊

איין אונגעלאַדענער גאַסט איז דער ליעבסטער.

(פאָלקסוואָרט).

* * *

לוסטיגע מענשען בעגעהען מעהר נאַרישקייטען ווי טרוי-ריגע אָבער טרויעריגע, באַגעהען גרעסערע נאַרישקייטען.

(פלייסט).

❊ ❊ ❊

דער וויין קומט אַרויס פון געפרעסטע וויינטרויבען, און פון געפרעסטע הערצער דער הומאָר...

❊ ❊ ❊

דער וויין ערפריידעט דעם מענשען'ס הערץ.

(תהלים).

❊ ❊ ❊

זיי ניט קיין ווײַן זויפער, דען דאַדורך קענסטו קומען נעהענטער צום טויט. טרינק ווײַן מיט אַ מאָאָס, ווערט עס ערפרייען דיין הערץ. און פוסט איז דאָס לעבען וואו דער ווײַן פעהלט.

(בן סירא).

❊ ❊
❊

גוטער ווײַן איז אַ גוטע זאַך אָבער מען מוז וויסען ווי מיט איהם צו געהען.

(שעקספיער).

❊ ❊
❊

אין כוס ווערען מעהרער דערטרונקען ווי אין שטרוים רהיין.

(דייטשעס פאָלקסוואָרט).

❊ ❊
❊

געבט שטאַרקע געטרענקע צו די וועלכע האַלטען ביים אומקומען, און ווײַן צו די באַטריבטע נשמות, זאָלען זיי טרינקען און פערגעסען זייער עלענד, און ניט מעהר דענקען אין זייער אומגליק.

(משלי).

❊ ❊
*

עססען איז א בעדירפניש פון מאָגען, טרינקען פון דער נשמה; דאס ערשטע איז אַ פראסטע מלאכה, דאס צווייטע איז א קונסט.

(טילליער).

❊ ❊
❊

ווײַן איז די מילך פון די זקנים.

(פאלקסווארט).

❊ ❊
❊

דריי זאַכען זיינען אונאנגענעהם אין אַ הויז: דער רויך, אַ בייז ווייב און דער רעגען, אָבער נאָך ערגער איז דאָס פערטע: פיעל קינדער און קיין ברויט אין שטוב.

(פאָלקסוואָרט).

* ❊
❊

צוויי אומגליקליכע זיינען ווי צוויי שוואַכע בוימער, ווען זיי שפּאַרען זיך אָן איינס צו דעם אַנדערען, קאָנען זיי אַנט-געגען דעם שטורעם באַשטעהען.

(וואָלטער).

❊ ❊ ❊

מעכטיג איז דאָס געזעטץ, אָבער נאָך מעכטיגער איז די נויטה.

(דאַנטע).

❊ ❊ ❊

דאָס טרויערן איבער טויטע איז אַן׳ערדלער עגאָאיזמוס.

(אַלטע פילאָזאָפי).

❊ ❊ ❊

דאָס שווערע הערץ ווערט נים לייכטער דורך ווערטער.

(שיללער).

❊ ❊ ❊

די נאַכטיגאל זינגט נור אין דונקלען; אַזוי לערנען מיר ערשט קענען די הימלישע מעלאָדיע פֿון אַן׳ערדלעם הערץ, ווען עס טרויערט.

(בערנע).

❊ ❊ ❊

דעם שטרוים פֿון טרויער מילדערט דער וואָס נעהמט אָנטהייל דאַריין.

(יאַנג).

❊ ❊ *

געמעסיגטע טרויער איז דאָס רעכט פֿון טוידטען, איבער-געטריבענע טרויער איז דער פֿיינד פֿון די לעבעדיגע.

(שעקספּיער).

❊ ❊ ❊

די האָפֿנונגען זיינען די חלומות פֿון די וואַכעדיגע.

(פינדאַר).

❊ ❊ ❊

האָפֿנונג איז דאָס טעגליכע ברויט פֿון אַנ׳אומגליקליכע.
(פֿאָלקסוואָרט).

* * *

האָפֿנונגען און עראינערונגען זיינען ראָזען פֿון איין שטאָם וועלכע האָבען קיינע דערנער.
(גריללפּארצער).

* * *

קענען די ליידען אויף דער ערד גיבט עס קיין אַנדער טרייסט ווי דער שטערען הימעל.
(זשאַן פּאָול).

* * *

זאָלסט ניט טרייסטען דעם טרויעריגען אַזוי לאַנג דער טויטער ליעגט נאָך פֿאַר איהם.
(אבות).

* * *

עס קלינגט ווי אַ שפּאָט ווען מען וויל לינדערן אַ שמערץ דורך דעם וואָס מען וויל יענעם איינרעדען דאָס דער מענש איז געבוירען צו ליידען.
(מאָנטעסקיו).

* * *

קענען אַנ׳אינעווענינגסטען וועה העלפֿט ניט קיין קלוגע רייד.
(ראָססעגער).

* * *

די עראינערונג איז דער איינציגער גן עדן פֿון וועלכען מען קען אונז ניט אַרויס טרייבען.
(זשאַן פּאול).

* * *

וואס אונז ערהאַלט אַזוי פֿריש און יונג,
איז אַרבייט און עראינערונג.

(ע. פּאַסקיי).

* * *

ערצעהל מיר דיין פֿערגאנגענהייט, און איך וועל די צוקונפֿט ערקענען.

(קאָנפֿוציוס).

* * *

די צייטען ענדערען זיך און מיר מיט זיי.

(בוכמאַן).

* * *

יעדע צייט איז אַ רעטעניש וואָס ניט זי אַליין נאָר די צוקונפֿט קען ערשט שפּעטער אויפֿלייזען.

(פֿעהרינג).

* * *

דער מענש איז דאָרט וואו זיינע ליעבסטע און שעהנסטע געדאנקען זיינען. ער איז ניט וואו ער לעבט, נאָר וואו ער ליעבט.

(געטהע).

* * *

עס איז אַ אַנגענעהמעס און צו גלייכער צייט שמערצ-ליכעס געפֿיהל, ווען מען איז איבערצייגט דאָס מען לאָזט מיר אונגערען אַוועק.

(געטהע).

* * *

ווען צוויי מענשען זיינען אָבגעשיידעט איינער פֿון צווייטען מיט דעם הערץ און מויל, דאַן ציהען זיך זייערע געדאַנקען איבער בערג און טהאָל, ווי טויבען דורך די בלויע לופֿט, און טראגען נאַכריכטען פֿון איינעם צום אַנדערען.

(אייכענדאָרף).

* * *

נור גרויסע זעעלען ליעבען און קענען ערטראגען די איינזאַמקייט.

(האַביכט).

* * *

וועה צו דעם וואָס איז אַליין.

(פֿאלקסוואָרט).

❋ ❋ ❋

עס איז בעשטימט פֿון גאָט,
דאָס פֿון ליעבסטען וואָס מען האָט
מוז מען זיך שיידען.

(פֿייכטערסלעבען).

❋ * ❋

דאָס שלימסטע איז ווען מען מוז זיך שיידען פֿון די לע-בעדיגע איידער מען שטאַרבט.

(סענעקא)

❋ ❋ ❋

דאָס „עלטער" איז אַ העפֿליכער מאַן, ער קלאַפּט אָן עטליכע מאָל, אָבער קיינער רופֿט איהם ניט אַריין, און ווייל ער וויל ניט שטעהען ביי דער טהיר, קלינגט ער אָן און געהט שנעל אַריין.

(געטהע).

❋ ❋ ❋

דאָס עלטער מאַכט מעהר קנייטשען אין אונזער פֿער-שטאנד ווי אין אונזער פּנים.

(מאָנטאַנגע).

❋ ❋ ❋

די געטטין פֿון דער יוגענד איז די האָפֿנונג, און די געטטין פֿון עלטער איז די עראינערונג.

(אַלטעס וואָרט).

❋ ❋ ❋

ווער עס לעבט לאַנג, האָט ערפֿאַהרונג. פֿיר איהם קען קיין נייעס אויף דיזער וועלט געשעהען.

(געטהע).

❋ ❋ ❋

עלטער און איינזאַמקייט ברענגען צום נאַכדענקען און מאַכען דעם מענשען מילדער.

(בראַכפֿאָגעל).

❋ ❋ ❋

אין דער יוגענד הערשט די מיינונג, אין דעם עלטער דאס דענקען, דאַרום איז די יוגענד־צייט פֿיר פּאָעזיע. און דאס עלטער פֿיר פֿילאָזאָפֿי.

(שאָפּענהויער).

* * *

ווער עס מוז זיך אין דער יוגענד דורך שווערע מיה דורכ־שלאָגען, דעם האַרט עס גאַנץ וועניג אין דער עלטער וואָס יונגע זיך פּלאָגען.

(ריקערט).

* * *

ווען מיר פֿיהלען דאָס מיר האָבען שוין ערר־ייכט דעם העכסטען פונקט פֿון אונזער לעבענס־וועג, און עס געהט שוין מיט אונז באַרג אַראָב, און דאָס לאַנד פֿון אונזער יוגענד שטעהט שוין הינטער אונז, דאַן וואָלטען מיר גערן געהערט די קינדער שטימען וואָס ערא־ינערן אונז אין אונזער געוועזענע יוגענדצייט.

(שפּיעלהאַגען).

* * *

די ערשטע 40 יאהר פֿון אונזער לעבען ליעפֿערן אונז דעם טעקסט, די פֿאלגענדע 30 יאָהר דעם קאָמענטאַר דערצו, וועלכער לערינט אונז ריכטיג צו פֿערשטעהען דעם אמת'ן זינן און צוזאַמענהאנג פֿון דעם טעקסט מיט דעם מאָראל מיט אַלע איהרע פֿיינהייטען. קעגען ענדע פֿון לעבען געהט עס פונקט ווי אַם ענדע פֿין אַ מאַסקען באַלל ווען די מאַסקען ווערען אַראָב גענומען, און מען קען דאַן זעהען ווער עס זיינען די מיט וועמען מיר זיינען אין אונזער לעבען אין בע־ריהרונג געקומען, דען די כאַראַקטערע זיינען יעצט פֿיר אונז אויף גערעקט, די טהאַטען האָבען זייער פֿרוכט געבראַכט, און די לייסטונגען צייגען זייער פֿערדיענטע ווערדע.

(שאָפּענהויער).

* * *

ניט דער איז דער עלטסטער וואס איז אם ווייטסטען פון דער וויעג, נאָר דער וואס איז אַם נאָהענסטען צום קבר.

(פּאָקאָי).

* ❊ *

אונגליקליכעס מענשען שיקזאַל! קוים האָט דער גייסט עררייכט צו דער שטופע פון רייפקייט, פאַנגט דער קערפּער אָן צו פערוועלקען.

(זשאן פאול).

❊ ❊ ❊

מענשען און אוגערקעס טויגען ניט ווען זיי ווערען רייף און צייטיג.

(פאָלקסוואָרט).

❊ ❊ ❊

פערציג יאָהר איז דאָס עלטער פון יוגענד; פופציג יאָהר איז די יוגענד פון'ם עלטער.

(וויקטאָר הוגאָ).

❊ ❊ ❊

זעהר אָפט הערט מען זאָגען אַז די שעהנע פרויען קומט שווער אָן אַלט צו ווערען. אין די גרויסע שטעדט האַלט די לעבענסרויער פון פרויען-רייץ אוים לענגער ווי אין די קליינע שטעדט אָדער אַף'ן לאַנד, און אין דער געגענוואַרט לענגער ווי אין דער צייט פון אונזערע באָבעס.

(לאַמבערגער).

❊ ❊ ❊

די לייכטזיניגקייט איז דאָס בעסטע שווימגאַרטעל אינ'ם שטראָם פון לעבען.

(בערנע).

❊ ❊ ❊

גרוי זענען אַלע טעאָריעס, גרין איז נור דער בוים פון לעבען.

(געטהע).

* ❊ ❊

די גרעסטע טראגעדיע איז דאָס מענשליכע לעבען, וועל-כעס איז צווישען „וויל" און „מוז".

(גאָרקי).

❊ ❊
*

צום לעבען דאַרף מען מעהר מוטה, ווי צום שטאַרבען.

(אַנדרייעוו).

❊ ❊
❊

מענשען, וועלכע פערשטעהען נישט דאָס לעבען, דארפען נישט מורא האָבען פאר'ן טויט.

(טאָלסטאָי).

❊ ❊
❊

אַלעס מוז אַמאָל נעהמען אַנ'ענדע, אָט דאָס איז די גרעסטע מעלה פונ'ם לעבען.

(גאָרקי).

❊ ❊
❊

יעדע מינוט פון אונזער לעבען מוז האָבען איהר הויכען ציעל.

(גאָרקי).

❊ ❊
*

אום צו זיעגען אינ'ם לעבענס-קאַמפף מוז מען האָבען זעהר פיעל פערשטאנד אָדער אַ הארץ פון אַ טיגער.

(גאָרקי).

❊ ❊
❊

דאָס לעבען לערענט בעסער ווי רעדנער און ביכער.

(געטהע).

❊ ❊
❊

דאָס לעבען איז אַ קאַראַנטין פאר'ן גן-עדן.

(וועבער).

❊ ❊
❊

דער מאַי פונ'ם לעבען בליהט נור איין מאָל.

(שיללער).

❊ ❊
❊

דאָס לעבען איז אַ קראַנקהייט, דער שלאָף—אַ פּאַליאַטיוו. דער טויט—אַ ראַדיקאַלע רפואה.

(וועבער).

* * *

אוננוצליכעס לעבען איז אַ פריהצייטיגער טויט.

(געטהע).

* * *

לעבען הייסט—טרוימען, קלוג לעבען—אַנגענעהם טרוימען.

(שיללער).

* * *

שטאַרבען איז גאָרנישט, נור לעבען און נישט זעהען, אָט דאָס איז אַן־אומגליק.

(שיללער).

* * *

אַ גליקליכער מענש איז יענער, וועלכער קען דאָס ענדע פון זיין לעבען מיט דעם אָנפאַנג פערבינדען.

(געטהע).

* * *

אַלע שטארקע מענשען האָבען ליעב דאָס לעבען.

(היינע).

* * *

פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען געבוירען געוואָרען צו לעבען, פאַרהאַן אָבער אַנדערע, וועלכע זענען געבוירען צו שטאַרבען.

(איבסען).

* * *

דאָס לעבען איז אַן׳אויגענבליק צווישען צוויי עוויגקייטען.

(פלאַטאָן).

* * *

דעם מענשענ׳ס לעבען איז אַ קורצעס בליהען און אַ לאַנגדויערענדעס וועלקען.

(אוהלאַנד).

* * *

יעדער טאג איז אַ לעבען אין קליינעם פֿאָרמאַט: יעדעס ערוואַכען איז אַ קליינע געבורט, יעדער מאָרגען — אַ קליינע יוגענד און יעדעס איינשלאָפֿען — אַ קליינער טויט.

(שאָפּענהויער).

* * *

אַלס איך בין געבוירען געוואָרען האָב איך געוויינט, און יעדער טאָג פֿון מיין לעבען ערקלערט מיר די אורזאַכע דערפֿון.

(דיהרינגספֿעלד).

* * *

אַ לעבען אָהן ליעבע איז אַ לאַנגע פֿאבעל מיט אַ קורצען מוסר.

(זאפיר).

* * *

דאָס לעבען איז נישט מעהר ווי אַ בים פֿון אַ ביהן, עס היילט זיך אוים צום בעסטען דורך פֿייכטע ערד.

(זאפיר).

* * *

דעם מענשענ'ס לעבען פֿאנגט אָן מיט אַ געשריי און ענדיגט זיך מיט אַ קרעכץ.

(זאַפיר).

* * *

לעב אויך פֿאר אַנדערע, ווען דו ווילסט, דאָס אַנדערע זאָלען לעבען פֿאר דיר.

(בואסט).

* * *

אויף דער וועלט איז אַלעס פֿאָראויסבעשטימט, נור דעם מענשענ'ס לעבען איז צופֿעליג, זין-און צוועקלאז.

(גאָרקי).

* * *

דאָס לעבען איז אַ באַזאַר, וואו אַלע ווילען געבען וועניגער און נעהמען מעהר.

(גאָרקי).

❉ ❉ ❉

מען דאַרף זיך בעציהען צום לעבען גלייכגילטיג און זיך עס נישט פערשטערען דורך פהילאָזאָפירען, אויך נישט שטע־לען קיינע פראגען.

(גאָרקי).

* ❉ ❉

דאָס לעבען איז אַ קלייד: איז עס שמוציג, פוצט מען עס, איז עס געלעכערט, פעררינכט מען עס און מען טראָגט עס, ווי לאַנג מען קאָן.

(באלזאק).

❉ ❉ *

מיר שיידען זיך גערן מיט׳ן לעבען, ווען מיר ווייסען, אז מען וועט דאפון פיעל רעדען.

(פאסקאל).

❉ * ❉

דאָס לעבען טאַליערט אונז ווי קאַרטען און נור צופעליג, און אויך נישט אויף לאנג, קומען מיר אויף אונזער אָרט.

(גאָרקי).

❉ ❉ ❉

דאָס לעבען ווערט אָבגעשאַצט ווי אַ פאַבעל, נישט לויט די לענג, נור לויט דעם אינהאַלט.

((סענעקא).

❉ ❉ ❉

וואָס איז אונזער לעבען? פיעל נארישע האָפנונגען אין דער צוקונפט, פיעל בענאנגענע דומהייטען אין דער פער־גאנגענהייט.

(קראטשקאָווסקי).

❉ ❉ ❉

וועגען קיין זאַך נישט קלערען — אָט דאָס איז דאָס בעסטע רעצעפּט פאַר אַ גליקליכעס לעבען.

(סאָפאָקלעס).

❋ ❋ ❋

מיר קענען ניט אַרויסרייסען קיין איינציג בלאַט פון אונזער לעבען, חאָטש מיר קאָנען וואַרפען אין פייער דאָס גאַנצע בוך.

(זשאָרזש זאַנד).

❋ ❋ ❋

דאָס לעבען גיבט אונז גאָט, אַוועקנעהמען קאָן עס יעדער ש־רץ.

(פּאַסקאַל).

❋ ❋ ❋

אין דער ערשטער העלפט פון'ם לעבען דאַרף דער מענש רעדען מיט די טויטע (ביכער), אין דער צווייטער — מיט די אין דער דריטער—מיט זיך זעלבסט.

(בואַסט).

❋ * ❋

דער לעבענס-פאַדעם וואָלט שוואַכער געוואָרען, ווען ער וואָלט ניט געוועזען בענעצט מיט טרעהרען.

(פּיטהאַגאָרעס).

❋ ❋ ❋

פון'ם לעבענס קאַמפף איז נאָך קיינער נישט אַוועקגע-גאַנגען אונבעשעדיגט.

(רענאַן).

❋ ❋ ❋

לעבען הייסט קעמפפען.

(סענעקא)

❋ * ❋

ווער עס לעבט אין דעם זכרון פון זיינע ליעבסטע, איז נים טויט, נאָר ווייט. טויט איז נור דער וועלכער ווערט פערגעסען.

(צעדליטץ).

* ❋ *

שלאָף ! וואָס פֿיר אַ טהייערער אוצר דו ביסט. אונגעבעטען קומסטו צום מענשען ווי אַנ'אמת'עס גליק. דו לייזט אויף די פלענער פֿון פֿערמישטע געדאַנקען, און פֿערמישסט אַלע בילדער פֿון פֿריידען און ליידען, און דער שטרוים פֿון אינערליכע צופֿרידענהייט פֿליעסט אונגעהינדערט, און פֿערזונקען ווי אין אַנ'אַנגענעהמען משוגעת הערען מיר אויף צו עקזיסטירען.

(געטהע).

* * *

טויט ! ווי ביטער ביסטו ווען מען דערמאָנט זיך אין דיר, און נאָך ביטערער ביזטו פֿיר דעם וועלכער האָט גוטע טעג, האָט גענוג צום לעבען, קיינע זאָרגען, און עס געהט איהם גוט אין אַלע הינזיכטען. אָבער ווי גוט און וואָהל ביסטו פֿיר דעם אימער בעדירפֿטיגען, פֿיר דעם אַלטען און שוואַכען וועלכער איז פֿערזונקען אין אַ סך זאָרג און האָפֿט ניט מעהר אויף בעסערס.

(בן סירא).

* * *

נור דאַן ווען אונזער מיט-מענש פֿערמאַכט ביידע אויגען, דריקען מיר צו איין אויג ; נור דאַן ווען דער לעצטער גרוב וועדט פֿיר איהם געגראָבען, הערען מיר אויף פֿיר איהם צו גראָבען ; און אונזער הערץ שלאָגט פֿיר איהם נור דאַן, ווען זיין הערץ האָט אויפֿגעהערט צו שלאָגען.

(סאַפֿיר).

* * *

פֿיר דעם טויט וואָס קומט מיך צונעהמען,
שרעק איך זיך ניט זעהר ;
פֿיר דעם טויט וואָס נעהמט צו די מייניגע,
שרעק איך זיך פֿיעל מעהר.

(יאַנג).

* * *

איבער די טויטע זאָל מען נור גוטעס רעדען.

(בוכמאַן).

* * *

אדם יסודו מעפר וסופו לעפר. פּראסטער מענש, פּרינץ, קעניג, מיליאָנער אדער אָרעמאַן. דער סוף איז דער זעלבער. דער טויט איז דעמאָקראַטיש, ווייסט ניט פֿון קיין קלאַסע, ראַסע און אַבשטאַם. פֿין ערד געקומען—צו ערד צוריק גע־קעהרט, פֿון שטויב געקומען — צו שטויב צוריק געקעהרט, ליידיג געקומען אויף דער וועלט — ליידיג צוריק אויפ׳ן עולם האמת.

* * *

דער טויט איז אַ בעוויז, אז עס גיעבט ניט קיין מענש, וועלכער זאָל זיין אונבעדינגט נויטיג אויף אונזער פּלאַנעטע.

(זאַפּיר).

* * *

דער טויט, אפילו ער רויבט אַוועק פֿון אונז דאָס בע־וואוסטזיין, איז ער דאָך אַ טהייערע זאַך, אַ פֿעסטער שלאָף אָהנע חלומות. ער איז בעסער זאָגאר פֿון די גליקליכסטע טעג פֿון אונזער לעבען.

(סאָקראַטעס).

* * *

ווער וואָלט עס געקענט ערטראַגען די געדאַנקען וועגען טויט, ווען דאָס לעבען וואָלט איממער פֿרעהליך געווען, אזוי אָבער האָט האָטש דער טוידט דאָס גוטע אין זיך וואָס מיר קאָנען זיך טרייסטען מיט איהם איבער די צרות און ליידען פֿון לעבען.

(שאָפּענהויער).

* * *

דער מענש פֿערשטעהט נישט דאָס לעבען און וויל וויסען וואָס איז אַזעלכעס טויט.

(קאָנפֿוציוס).

* * *

ווען די לאַסט פֿון שמערצען, עלענד און פֿעראַכטונג ווערט מיר אונערטרעגליך, ווייס איך ניט וואָרום מען זאָל מיך הינדערן צו מאַכען אַן ענדע מיט מיין לעבען, און מיט גרוי־זאַמקייט מיך באַרויבען פֿון היילמיטעל וואָס איך האָב אין מיינע הענד.

(מאַנטעסקוועי).

❊ ❊ ❊

ווער עס ענטלויפֿט, קאָן אויך שפּעטער זיעגען, דער טויטער אָבער בלייבט אויף שטענדיג ליעגען.

(בוטלער).

❊ ❊ ❊

דער מאָמענט פֿון אונזער געבורט איז דער אָנפֿאנג פֿון אונזער ענדע.

(פיערמאָן).

❊ ❊ ❊

ווער עס שטאַרבט, בעצאָהלט אַללע חובות.

(שעקספּיער).

❊ ❊ *

ווער עס האָט מורא פֿאר'ן טויט, פֿערליערט דאָס לעבען.

(זיימע)

❊ ❊ ❊

דער בעסטער פֿערמיטלער איז דער טויט.

(שיללער).

❊ ❊ ❊

גרויסע מענשען שטאַרבען נישט מיט קיין נאַטירליכען טויט.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

בעסער ווילען מיר ליידען הונדערט יאָהר, איידער שטאַר־בען איין מינוט.

(רוסיש שפּריכוואָרט).

❊ ❊ ❊

דער מענש קאָן קיין זאַך ניט בעזיצען, כל זמן ער האָט מורא פאר'ן טויט, נור ווער עס האָט ניט קיין מורא דעם געהערט אַלעס.

(טאָלסטאָי).

❊ ❊ ❊

מען דאַרף בעוויינען די מענשען, ווען זיי ווערען געבוירען, און ניט ווען זיי שטאַרבען.

(מאָנטעסקע).

❊ ❊ ❊

דאָס לעבען דאַרף מען פערלאָזען ווי אַ באַל: דאַנקענדיג דעם הערר און צוזאַמען-נעהמענדיג די זאַכען.

(וואָלטער).

❊ ❊ ❊

שטאַרבען אום צו לעבען אין דער געשיכטע הייסט — פערקויפען דאָס לעבען פאַר אַ טראָפען טינט.

(אָקסענשטירן).

❊ ❊ *

אַ גרויס אומגליק איז זיך ווינשען דעם טויט, אַ גרעסערעס אומגליק אָבער איז—זיך פירכטען פאַר איהם.

(אָקסענשטירן).

❊ ❊ ❊

וואָס פערנונפט איז, דאָס איז ווירקליך, און וואָס ווירקליך איז, דאָס איז פערנונפט.

(העגעל).

❊ ❊ ❊

וואָס איז פערנונפט? דער משוגעת פון אַלע.
וואָס איז משוגעת? די פערנונפט פון דעם ענצעלנען.
וואָס איז וואַרהייט? די הונדערט יאָהר אַלטע טיישונגען.
וואָס איז טיישונג? די וואַהרהייט וואָס לעבט נור איין מינוט.

(שפינאָזא).

❊ ❊ ❊

וואָס איז דער מענש, ווען זיין העכסטעס גוטס, דער פּרייז פון'ם לעבען, זאָל נור באַשטעהען אין עסען און שלאָ-פען? אַ בהמה! ניט מעהר דער אמת אבער איז אַז דער וואָס האָט בעשאַפען מיט אַזאַ רייכען גייסט אום צו קאָנען זעהען פאָרווערטס און צוריק, האָט אונז ניט געגעבען זיין קראַפט, די געטליכע פערנונפט, אום זי זאָל אונגעברויכט שלאָפען אין אונז, און זי ניט אויס נוטצען.

(שעקספּיער).

* * *

די פערנונפט איז אַ הערשענדע קעניגין; זי אַנערקענט ניט קיין אויטאָריטעט איבער זיך, און קיינע געוואַלט קען איהר צווינגען פיר אונריכטיג אָנצונעהמען דאָס וואָס זי ער-קענט פיר אמת.

(מאָלטקע).

* * *

דרייערליי וועגען האָט דער מענש ווי צו טהון קלוג, ערשטענס דורך נאָכדענקען, וואָס איז דער עדעלסטער וועג. צווייטענס דורך נאָכטהון יענעם וואָס איז דער לייכטסטער וועג. און דריטטענס דורך ערפאַהרונג, וואָס איז דער ביטערסטער וועג.

(קאָנפוציוס).

* * *

וואָס דו טהוסט, טהו עס קלוג און פאָרזיכטיג און בע-דענק די ענדע דערפון.

(בן סירא).

* * *

דער גרויסער מאַן געהט די צייט פאָראויס,
דער קלוגער געהט מיט איהר אויף אַלע וועגען.
דער שלויער סוועטעט זי געהעריג אוים,
דער דומקאָפּ שטעלט זיך איהר אַנטקעגען.

(בוירנפעלד).

* * *

קיין מענש וויל נישט עפּעס ווערען, יעדער וויל באַלד עפּעס זיין.

(געטהע).

* * *

ווער עס וויל זיין אַ ריכטער איבער מענשען, מוז אויך לעבען ווי אַ מענש.

(זודערמאַן)

* * *

דאָס גרעסטע רעטעניש איז דער מענש און זיין לעבען.

(אַנררייעוו).

* * *

די מענשען האָבען שטענדיג ליעבער צו קריטיקירען, ווי צו לויבען.

(מאַקיאַוועלי).

* * *

דער מענש איז ווי אַ שפּיעל-זייגער, עטוואָס אַרוק געטהון און ער זינגט שוין אַנ'אנדער מעלאָדיע.

(בערנע).

* * *

אונגליקליך איז דער מענש, וועלכער ווייסט נישט היינט, וואָס ער האָט צו טהון מאָרגען.

(גאָרקי).

* * *

נור יענער מענש איז אַנ'אונגיצליכער, וועלכער קאָן נישט בעפעהלען, אויך נישט געהאָרכען.

(געטהע).

* * *

מיר קענען זיך נישט גוט בעפריינדען מיט אַ מענשען, וועלכען מיר קענען אָדער צו פיעל אָדער צו וועניג.

(טאָלסטאָי).

* * *

טיעף דענקענדע מענשען האָבען שטענדיג אַ בייז אויג אויפ'ן פובליקום.

(געטהע).

❋ ❋ ❋

דעם מענשען דאַרף מען נישט בעדויערען נור העלפען.

(גאָרקי).

❋ ❋ ❋

ווען אַ מענש זאל ערפילען אַלעס, וואָס מען פאָדערט פון איהם, דאַרף ער זיך האַלטען העכער ווי ער איז.

(געטהע).

❋ ❋ ❋

יעדער מענש האָט עטוואָס אין זיין נאַטור, וואָס אויב ער וואָלט עס עפענטליך אַרויסזאָגען, וואָלט געוויס אַרויסרופען צו איהם אַ פעראַכטונג.

(געטהע).

❋ ❋ ❋

די מענשען וואָלטען זיך געוועהנליך בעססער געקענט, ווען זיי וואָלטען נישט געשטרעבט גלייך צו זיין איינער צום צווייטען.

(געטהע).

❋ ❋ ❋

פערשטענדיגע מענשען זענען אימער דאָס בעסטע קאָנווערזאַציאָנס-לעקסיקאָן.

(געטהע).

❋ ❋ ❋

דעם מענשען דאַרף מען אָבשאַצען לויט דעם ווידער־שטאַנד, וואָס ער שטעלט דער איבער איהם הערשענדער נאַטור קראַפט.

(גאָרקי).

❋ ❋ ❋

אָרענטליכע מענשען איז פאַרהאַן פיעל, דאָס לעבען דאַרף אָבער האָבען פאָלקאָמענע מענשען.

(גאָרקי).

❋ ❋ ❋

קיין מענש ווייסט נישט זיין אמת'ן פלאַץ אין לעבען, און יעדער פון אונז קריכט אין אַ פרעמדען חאָמוט.

(גאָרקי).

* * *

יעדער מענש איז אַ וועלט, וועלכע ווערט מיט איהם געבוירען און מיט איהם פערלוירען; אונטער יעדען קבר ליעגט אַ גאַנצע וועלט־געשיכטע.

(היינע).

* * *

יעדער מענש האָט אין זיך אַ נאַר און אַ שווינדלער: אַ נאַר איז זיין געפיהל, און אַ שווינדלער—זיין פערשטאַנד.

(גאָרקי).

* * *

דער פיזישער וואוקס פון אַ מענשען ווערט בעשטימט דורך די וויטקייט פון זיין קאָפ ביז די ערד, דער גייסטליכער וואוקס אָבער—דורך די וויטקייט פון זיין קאָפ ביז'ן הימעל.

(פיערמאָן).

* * *

אָהן פיעל זאַכען קאָן זיך אַ מענש בעגעהן, נור נישט אָהן אַ מענשען.

(בערנע).

* * *

אָבשאַצען אַ מענשען זאָל מען נישט נאָך זיינע פעהיג־קייטען, נור לויט דעם, ווי ער נוצט זיי אוים.

(לאַראָשפוקאָ).

* * *

די מענשען האָבען ווי געבינדענע ביכער, צוויי ליידיגע בלעטער פון אָנהויב און פון סוף: די קינדהייט און די עלטער.

(זשאַן פאול).

* * *

מען ערקענט דעם מענשען נאָך דער פרוי, וועלכע ער קלויבט זיך אויס.

(געטהע).

* * *

פון דער נאַטור זענען אַלע מענשען גלייך; זיי אונטער־שיידען זיך נור דורך ערציהונג.

(קאָנפוציוס).

* * *

דער מענש איז נישט קיין מלאך און נישט קיין חיה, דאָס גאַנצע אונגליק איז נור, דאָס ווען ער וויל פון זיך מאַכען אַ מלאך, ווערט ער אַ חיה.

(פאסקאַל).

* * *

דער מענש איז אַזוי פוסט און לייכטזיניג, אַז דאָס קלענסטע נאַרעשקייט קאָן איהם אַמוזירען.

(פאסקאַל).

* * *

פון אַלע ווילדע טהיערע איז דער מענש דאָס שרעקליכסטע.

(ביופאָן).

* * *

נישט דאָס אָרט בעשיינט דעם מענשען, נור דער מענש— דאָס אָרט.

(אגעזילאַס).

* * *

דער מענש איז שוין אַזוי בעשאַפען, אַז ער שטרעבט אימער צו דעם, וואָס ער האָט נישט.

(ושאָרז זאַנד).

* * *

ס'איז פאַרהאַן מענשען גולען, זיי מוזען אימער האָבען אַ ציפרע פאר זיך.

(באַלזאַק).

* * *

קלוגע און געבילדעטע מענשען מאַכען ווענינ פֿראגע-און אויסרופֿונגס-צייכען.

(מאָהר).

❋ ❋ ❋

די טהעאָלאָגען מעגען זאָגען, וואָס זיי ווילען; די מענש-הייט האָט דאָך פֿאָרט מעהר מעלות, ווי חסרונות.

(באָקל).

❋ ❋ ❋

די מענשהייט טהיילט זיך אויף צוויי העלפֿטען: איינע, וועלכע האָט געפֿונען און איז נישט בעפֿריעדיגט, די צווייטע, וועלכע זוכט און געפֿינט נישט.

❋ ❋ ❋

א זעהר גוטע און נויטווענדיגע אייגענשאַפֿט פֿאר אונ-זער גליק איז מוטה געפּאָרט מיט קלוגהייט. דיזע צוויי זאַכען קען מען זיך אַליין ניט נעהמען, זאָנדערן זיי קומען בירושה. קלוגהייט פֿון דער מוטער אין מוטה פֿון פֿאטער.

(שאָפּענהויער).

❋ ❋ ❋

עס איז מעהר וויכטיג פֿארן מענשען ווי אזוי ער נעהמט אויף דאָס שיקזאַל אלס ווי עס איז.

(הומבאָלדט).

❋ ❋ *

מען זאָל קיינמאָל ניט צייגען אַ צווייטען דעם גרונד פֿונ'ם הערצען און דעם גרונד פֿונ'ם געלד בייטעל.

(איטאַליענישעס).

❋ ❋ ❋

עס גיבט ניט קיין גרעסערער פֿערגעניגען ווי דעם בע-טריגער אַלליין צו בעטריגען.

(האַגעדאַרען).

❋ * ❋

אונוויסענהייט איז אַלע מאָל געווען און איז נאָך יעצט אויך די קוועלע פֿון באַרבאַריי, ניט נור קעגען מענשען, ראַסען און פֿעלקער, זאָנדערען אויך קעגען יעדעס אַנדערע אין דער נאַטור, קונסט און לעבען.

(קערנער).

* * *

מיט דער דומהייט קעמפּפֿען די געטער זעלבסט פֿערגעבענס.

(שילער).

* * *

ווער עס קען זיין דומהייט פֿערבאָרגען, דער איז נאָך ניט אַזוי דום.

(ר. בוימבאַך).

* * *

דער גייסט בליצט, דער פֿלייס זיצט, די דומהייט שוויצט.

(וועבער).

* * *

אמת גליקליך זענען נור די גאָר נאַרישע לייט.

(שערער).

* * *

די דומע מענשען פֿערשטעהען זיך צווישען זיך אַם בעסטען.

(בידערמאַן).

* * *

זייט אדם הראשון אָן, זענען די נאַראָנים אין דער מאַיאָריטעט.

* * *

ווער עס וויל דאָס בעסטע, מוז אָפֿט דאָס ביטערסטע פֿערזוכען.

(לאַוואַטאַר).

* * *

ערפֿאהרונג איז אַ זעהר רייכע גאָלד גרוב, פֿון וועלכען פֿיעלע מענשען גראָבען אָרויס לעבענס-אוצרות.

(פעטעפי).

* * *

ווער עס וויל פרעהליך זיין זיין לעבען לאַנג,
זאָל לאָזען די וועלט געהן איהר נאַטירליכען גאַנג.
(ריקערט).

❋ ❋ ❋

די פאַנטאַזיע שטאַמט פון קעניגליכעס בלוט, די חושים פון אַדעליגע אבשטאַממונג די פערנונפט איז פון בירגערליכען אורשפרונג, די חושים שפיעלען אַלזאָ אין לעבען אונטער די פראָטעקציאָן פון דער פאַנטאַזיע, די גרויסע הערשענדע ראָלע.
(פייערבאַך).

❋ ❋ ❋

ווי די שוואַלבען מאַכען גערן זייער נעסט אין אַלטע מויערען, אַזוי אויך די פאַנטאַזיע הערשט מעהר ביי אַלטע לייט.
(מאָהר).

❋ ❋ ❋

אויף דעם פאַנטאַזישען ים גיבט עס קיין לאַנדען און גליקליך זענען די, וועלבע פאָהרען אַרום אויף איהם און קומען צו קיין ברעג.
(עשאַנקע).

❋ * ❋

קיין זאַך איז ניט אַזוי היגדערליך צום גליק, ווי אַ לייכט ענטצונדענע און אויפגערעגטע פאַנטאזיע.
(לאַמבערט).

❋ ❋ *

פאַנטאַזיע רעגיערט די וועלט.
(נאפאָלעאָן I).

❋ ❋ *

ניט איך אַליין בין נור וויטציג, נור איך בין אויך די אורזאַכע, וואָס אַנדערע ווערען וויטציג.
(שעקספיער).

❋ ❋ ❋

די זעעלע פֿונ'ם וויטץ איז קורץ.

(שעקספיער).

* * *

די ווייבער האָבען מוטער וויטץ. די מענער לערנען איהם פֿון ביכער.

(אינדיש).

* * *

פֿאַר קיין זאַך שרעק איך זיך ניט אַזוי ווי פֿאַר דעם מענשען, וועלכער איז דעם גאַנצען טאָג דורך וויטציג...

* * *

די וואַהרע בערעדזאַמקייט בעשטעהט אין דעם, צו זאָגען דאָס, וואָס געהערט צו דער זאַך און נור דאָס...

* * *

ווער עס רעדט אַזוי, דאָס מען קען איהם ריכטיג פֿארשטעהן, דער רעדט אימער גוט.

(מאָליערע).

* * *

דער פֿאָרטראג אַליין מאַכט דעם רעדנערס גליק.

(געטהע):

* * *

עס איז קיינמאָל ניט אַזוי שווער צו רעדען, ווי ווען מען שעהמט זיך צו שוויינען.

* * *

צוויי זאַכען זענען שעדליך פֿאר יעדען ווער עס וויל אויף די העכסטע שטופֿע דאָס גליק אַרויפֿשטייגען:

שוויינען, ווען עס איז צייט צו רעדען,
און רעדען, ווען עס איז צייט צו שוויינען.

(באָדענשטאַדט).

* * *

לערנען אַ פֿרעמדע שפּראַכע און גוט רעדען שאַפֿט דער זעעלע די אינגערסטע טאָלעראַנץ. מען ערקענט דאָס, דאָס אינגערסטע לעבען קען זיך אויך אנדערש פאסען און מען לערענט פֿרעמדעס לעבען צו אַכטען.

(אויערבאַך).

❊ ❊ ❊

געגען מעלות פֿון אַנדערע איז פֿאַרהאַן איין רעטונגס-מיטעל—ליעבע.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

גיכער קען זיך דער מענש ערווערבען טויזענד מעלות, אַלס זיך בעפֿרייען פֿון איין חסרון.

(לאַבריער).

❊ ❊ ❊

וועגען אַ מענשענס מעלות קען מען ערשט אורטהיילען נאָך זיין טויט.

(נאַפּאָלעאָן).

* ❊ *

מעהר ערפֿאָלג האָט דער, וואָס בעהאַלט זיינע חסרונות, ווי דער, וואָס וויזט אַרויס זיינע מעלות.

(פּטיסען).

❊ ❊ ❊

נור מיט פֿרעמדע אויגען קענען מיר זעהען אונזערע חסרונות.

(היגעז. שפּריכוואָרט).

❊ ❊ ❊

ווען מיר וואָלטען נישט געהאַט קיינע חסרונות, וואָלטען מיר זיי נישט אַזוי גערן געזוכט ביי אַנדערע.

(פֿענעלאָן).

❊ ❊ ❊

מיר פֿערגעסען לייכט אונזערע חסרונות, ווען קיינער, אויסער אונז, ווייסט נישט פֿון זיי.

(לאַראָשפֿוקאָ).

* * *

גרויסע מענשען האָבען אויך גרויסע חסרונות.

(לאַראָשפֿוקאָ).

* * *

אַ פֿאָלקאָמענער מענש הייסט דער, וועלכער האָט ווייניגער חסרונות פֿאַר אַנדערע.

(זשאַן זשאַק רוסאָ).

* * *

אויסבילדונג פֿערהינדערט איינבילדונג.

(לייבניץ).

* * *

די שריפֿטשטעלער קען מען אַיינטהיילען אין דריי טהיילען: פֿליהענדע שטערען, פלאַנעטען און פֿיקס-שטערען. די ערשטע ליפֿערען נור אַ מאָמענטאַלנעם עפֿעקט. זיי פֿליהען פֿערביי, בליצען אויף אַ מאָמענט און פֿערשווינדען אויף אימער. די צווייטע, די פלאַנעטען אָדער וואַנדעל שטערען, בעשטעהען שוין פֿיעל לענגער. זיי גלאַנצען, לייכטען, אָפֿטמאָל אַפֿילו העלער ווי די פֿיקס-שטערען, צוליעב זייער נאָהענטקייט, און די, וואָס קענען זיי ניט, מאַכען אָפֿט אַ טעות און פֿערבייטען זיי פֿאַר פֿיקס-שטערען. די דריטע, זיי אַליין זענען אונוואַנדעלבאַר, זיי שטעהען פֿעסט אין הימעל רוים, האָבען זייער איינענעם ליכט, ווירקען אין יעדער צייט, זיי געהערען ניט, ווי די אַנדערע, צו אַ געוויסע סיסטעמע (נאַציאָן), נור זיי בעלאַנגען צו דער גאַנצער וועלט, אָבער, צוליעב זייער הויכע שטעלע מוז עס נעהמען פֿיעלע יאָהרען ביז זייער ליכט ער-רייכט די ערד בעוואוינער.

(שאָפּענהויער).

* * *

די עכטע שריפֿטשטעלער זענען די געוויסענביסע דער מענשהייט.

(פֿייערבאַך).

* * *

איין שפּיעגעל איז וויכטיגער, אַלס אַ גאַנצע רייהע ביל-דער פֿון אונזערע עלטער-ווירעס.

(מענצעל).

* * *

געוויסע מענשען ווערען ווי באַנק-פּאַפּירען אָנגענומען נאָכ'ן קורס, און נישט נאָך זייער נאָמינאַל-ווערטה.

(לאַראָשפוקא).

* * *

עס איז לייכטער צו מאַכען אַ קרוין, אַלס צו געפֿינען אַ קאָפּ, וועלכער זאָל ווערטה זיין זי צו טראָגען.

(געטהע).

* * *

מיט דעם המון זיי פֿאָרזיכטיג, ווען ער אכטעט דיך; צום ערשטען וועט ער דיך בעשיטען מיט קראַנצען, נאַכהער — מיט בלאָטע.

(ריקערט).

* * *

געוויסע מענשען זענען בעריהמט, און געוויסע מענשען פֿערדיענען בעריהמט צו זיין.

(לעסינג).

* * *

דער כבוד פֿון בעריהמטע מענשען דאַרף ווערען אָבגע-שאַצט נאָך די מיטלען, דורך וועלכע זיי האָבען איהם ערוואָרבען.

(לאַראָשפוקאַ).

* * *

וואָס מיר לויבען אין דער פריה, קריטיקירען מיר פאַרנאַכט.
(פרידריך דער גרויסער).

* * *

זאָל דיך נישט פערדריסען, וואס מען האָט דיך געזידעלט איבער אַ קליינינקייט, דערפאר לויבט מען דאָך דיך טהיילמאָל איבער אַ נאַרישקייט.
(ליכטענבערג).

* * *

מיר לעבען אונטער אַ רעגיערונג, וועלכע איז צוזאַמען-געשטעלט טהיילס פון מענער און טהיילס פון מאָרגען צייטונגען.
(פיליפס).

* * *

נור איין נאַר שרייבט אָהן בעצאָהלונג.
(דזשאנסאָן).

* * *

וויסענשאַפט איז מאַכט.
(בייראָן).

* * *

איינעם איז די הימלישע געטטער, דעם אַנדערען אַ גוטע קוה, וועלכע פערזארגט איהם מיט פוטער.
(שיללער).

* * *

די טינט פונ'ם געלעהרטען און דאָס בלוט פונ'ם מאַר-טירער, האָבעןביידע אַ גלייכען ווערט ביי גאָט.
(קאָראן).

* * *

דער בוים פון וויסען איז ניט קיין בוים פון לעבען.
(בייראן).

* * *

פריהער קומט דער צווייפעל, דאַן דאָס אונטערזוכען, נאַכהער דאָס ענטדעקען. דער צווייפעל פיהרט צום פאָרשען, דאָס פאָרשען צו פאָרטשריט, צום וויסען.
(באַקל):

* * *

װעלכער דעספאָט האָט דען געליעבט די װיסענשאַפט? ליעבט דען דער גנב דעם נאַכט-לאַנטערען?

(װעבער).

❊ ❊ ❊

די װיסענשאַפט, װעלכע דיענט נור דער פראַקטיק, זינקט אַראָב צום האַנדװעק און עס איז שװין די העכסטע צייט צו ערלייזען זי פון דיזער נידעריגער שטעלע.

(רוגע).

❊ ❊ ❊

די מענשען װערען דורך געשיכטליכע װערק קלוגער, דורך דיכטער—גייסטרייך, דורך מאַטהעמאַטיק—שאַרפזיניג, דורך נאַטור װיסענשאַפט—טיעפזיניג, דורך מאָראל—ערענסט.

(בייראָן).

* * ❊

די אַסטראָנאָמיע ענטשטאַנד אויס דעם גלויבען, די בע-רעדזאַמקייט אויס דעם עהרגייץ, דער האַס און שמייכלעריי אויס ליגען, די פהיזיק איז ענטשפרונגען אויס נייגיערדע, אַ שפראך, קענטניסע, זאָגאַר די מאָראל אַליין, שטאַמען אָב פון מענשליכער שטאָלצקייט.

(רוססאָ).

❊ ❊ ❊

אין דער װיסענשאַפט איז אַלעס װיכטיג.

(הײנע).

❊ ❊ ❊

װער עס האָט ביי געװיסע אומשטענדען דעם פערשטאַנד נישט פערלוירען, דער האָט נישט געהאַט װאָס צו פערליערען.

(לעסינג).

❊ ❊ ❊

דער מענשליכער פערשטאַנד איז װי אַ שכור'ער רייטער, װען מען האַלט איהם צו אויף איין זייט, פאַלט ער אויף די אַנדערע.

(ד"ר לוטהער).

❊ ❊ ❊

דער נאַטירליכער מענשען-פערשטאַנד קאָן אונז דיענען אַנשטאָט בילדונג, אָבער די בילדונג קאָן אונז נישט דיענען אַנשטאָט דעם נאַטירליכען מענשען-פערשטאַנד.

(שאָפּענהויער).

* * *

איבער אַ מענשענס פערשטאַנד קען מען גיכער אורטהיילען נאָך זיינע פראַגען, ווי נאָך זיינע אַנטוואָרטען.

(דע לעוויס).

* * *

די שענהייט פון מאַנספּערזאָנען איז זייער פערשטאַנד; דער פערשטאַנד פון פרויענצימער—זייער שענהייט.

(מיידאַני).

* * *

יעדער בעקלאָגט זיך אויף זיין זכרון, קיינער—אויף זיין פערשטאַנד.

(לאַראָשפוקא).

* * *

דער געזונדער מענשען פערשטאַנד איז דער געניוס פון דער מענשהייט.

(געטהע).

* * *

נוצליכער איז אַרויסצווייזען דעם פערשטאַנד אין דעם, וואָס מען פערשוויינט, ווי אין דעם, וואָס מען זאָגט אַרויס.

(שאָפּענהויער).

* * *

דער קראַפט טרעט מען נור אָב, דעם פערשטאַנד גיבט מען זיך אונטער.

(בלאַנקי).

* * *

די חיות זענען אָפט קליגער מיט זייער אינסטינקט, ווי מענשען מיט זייער פערשטאַנד.

(עוורעמאָן):

* * *

וויפֿיעל העלדען וואָלטען קיין העלדען נישט געוועזען ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ געזונדען מענשען-פֿערשטאַנד.

(לאַבאָמעל).

* * *

די מענשען זענען אימער געגען דעם פֿערשטאַנד, ווען דער פערשטאַנד איז געגען זיי.

(עלוועציוס).

* * *

די קראַפֿט פֿון אַ סאָלדאַט איז אין זיין גייסט.

(טאָלסטאָי).

* * *

נור דורך דער הילפֿע פֿון דער שפּראכע איז די פֿערנונפֿט אומשטאַנד אַרויס צו ברייגגען איהרע וויכטיגסטע לייכטונגען, נעמליך: דאָס איינשטימיגע האַנדלען פֿון איינצעלנע פּערזאָנען. דאָס פּלאַנמעסיגע צוזאַמענווירקען פֿון טויזענדער מענשען. די ציוויליזאַציאָן, דעם שטאַאַט, די וויסענשאַפֿט, דאָס אויפֿהאַלטען פֿון פֿריהערדיגע ערפֿאַהרונגען, דאָס מיטטהיילען פֿון דער וואַהרהייט, דאָס פֿערברייטען פֿון אירטהומער. דאָס דענקען און דיכטען, די דאָגמאַס און פֿאַנאַטיזמוס.

(שאָפּענהויער).

* * *

ווערטער זענען פֿיר געדאַנקען, ווי דאָס גאָלד פֿיר דימאַנטען; מען ברויכט נור אַזוי פֿיעל פֿון דעם אום זיי איינצופֿאַסען.

(וואָלטער).

* * *

מען זאָל קיינמאָהל ניטצען אַ נייעס וואָרט סיידען עס האָט אין זיך די דריי אייגענשאַפֿטען, נעמליך: עס איז נויטיג, עס איז פֿערשטענדליך און וואהל קלינגענד.

(וואָלטער).

* * *

דאָס וואָרט אַליין ווען מען שרייבט עס ניט אויף, ווערט עס באַלד פערגעסען, די שריפט בלייבט אימער.

(ראַבבי סאַנסאָ).

* * *

אויך פיר די וויט געשיידעטע טרייע פריינד, האָט די גוטע נאטור אַ שפּראכע געשאפען, דאָס איז די שריפט, זי פיהרט זייערע זעעלען צוזאַמען, און ברייננט זייערע ליידען און פריידען אַריבער פון איינעם צום צווייטען.

(הערדער).

* * *

וואָס מעהר קענער, דעסטאָ שלעכטער איז די האַנדשריפט.

(וועבער).

* * *

איין גוטער טיכטיגער פאלקס-שוהל לעהרער וועלכער טהוט זיין פפליכט מיט לוסט און ליעבע קען אויסאיבען אויף דער יוגענד, און דאַמיט אויך אויף דאָס פאָלק, אַ פיעל גרעסערען און וואהל טהעטיגערען איינפלוס אַלס הונדערט פהילאָזאָפען און טהעאָלאָגען צוזאַמען.

(קייזער).

* * *

עס גיבט קיין בעסערע טרייסט פיר דעם מענשען, וועלכער פערלאָזט דיעזע וועלט, אַלס ווען ער וייסט, דאָס ער האָט ניט אומזיסט געלעבט, און האָט איינינע מענשען, מעג זיין וויינינע, צו גוטע מענשען אויסגעבילדעט.

(קאַנט):

* * *

ווען די געטער האַסען, דעם מאַכען זיי פאַר אַ שרייבער, אָדער פיר אַ שוהל-לעהרער.

* * *

דער איינציגער גרעניץ פיר אונזער וויסען, איז דאָס ניט-וויסען.

(ווירכאָוו).

* * *

דריי און צוואנציג לעהר מעטהאָדען
האָבען זיי ביז יעצט פרובירט,
און די יוגענד איז ביז יעצט
ערשט די העלפֿט רואינירט...

* * *

עס גיבט קוים אַ זעלטזאַמערע סחורה אויף דער וועלט, אַלס די ביכער, געדרוקט פֿון מענשען וואָס פֿערשטעהן זיי ניט, רעצענזירט, געבונדען און געלעזען פֿון לייט וואָס פֿערשטעהן זיי ניט, און ענדליך נאָך געשריבען פֿון לייטע וואָס פֿערשטעהן זיי ניט.

(ליכטענבערג).

* * *

א גאַנצעס בוך—איז אַ גאַנצעס לעבען.

(עשענבאַך).

* * *

יעדע צייט מוז איהרע אייגענע ביכער שרייבען, און אַזוי קומט אויס דאָס איין דור שרייבט אימער פֿיר'ן צווייטען דור.

(עמערסאָן).

* * *

די נאַטור איז דאָס איינציגע בוך, וועלכעס יעדעס בלאַט ענטהאַלט אַ רייכען אינהאַלט.

(געטהע).

* * *

שרייבסטו ווי דו רעדסט, דאַן שרייבסט דו שעהן.

(לעססינג).

* * *

דאָס וויסען איז דער אָנפאַנג און אורשפרונג פֿון דעם ריכטיגען אַרט שרייבען.

(האָראַץ).

* * *

פיעל און גוט שפּרעכען איז דאָס טאַלאַנט פון אַ וויטצי-גען קאָפּ. ווענינ און גוט, איז דער כאַראַקטער פון'ם דענקער, פיעל און שלעכט איז די טבע פון'ם נאַר.

* * *

אינ'ם שטיל שווייגען ליעגט ניט נור אַ קונסט, נור אויך אַ געוויסע בערעדזאַמקייט.

(ציצערא).

* * *

אין יעדען רעדנער, וועלכער וויל ווירקען אויף זיינע צוהערער מוז שטעקען עטוואָס פון אַ דיכטער.

(ביסמאַרק).

* * *

אָהן ליידענשאַפט גיבט עס קיינע גאונות.

(מאָמסען).

* * *

אין יעדען גרויסען גייסט איז פאַראַן אַ פונק פון משוגעת.

(אַריסטאָטלעס).

* * *

גייסטיגע מענשען ווען זיי זענען אויך מוטהיג לעבען דורך די שמערצליכסטע טראגעדיעס.

(ניטצשע).

* * *

וואָס העכער מיר ערהויבען זיך, דעסטאָ קלענער ער-שיינען מיר פיר די וואָס קענען ניט פליהען.

(ניטצשע).

* * *

דער מענש איז, וואָס ער דאַרף זיין אַלס מענש, דורך בילדונג.

(העגעל).

* * *

ניט דער הייסט אַ יתום, וועלכער האָט ניט קיינע פאַטער און מוטער, נור דער וועלכער האָט ניט קיינע ליעבע און קיין וויסען פיר הערץ און גייסט.

(ריקערט).

❊ ❊ ❊

איין עדלער מענש האָט ניט צו פערדאַנקען זיינע בילדונג, דעם ענגען קרייז וואו ער געפינט זיך. עס מוז אויף איהם ווירקען די וועלט און דאָס פאָטערלאַנד. ער מוז קענען זיך און אַנדערע. די איינזאַמקייט איז ניט אַזוי גוט פיר איהם, זיינע פריינדע דאַרף ער ניט שוינען.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

עס איז געגוג שלים, וואָס מען קען ניט אָבלערנען איין מאָל פיר'ן גאַנצען לעבען. אונזערע פאָרעלטערן, האָבען זיך געהאַלטען אין דעם אונטעררינכט, וואָס זיי האָבען אין דער יוגענד געהאַט, און מיר מוזען כמעט אַלע פינף יאָהר עפעס אַנדערש לערנען, אויב מיר ווילען ניט אַרויס פון דער מאָדע.

(געטהע).

* ❊ *

די קנאה פון די געלעהרטע פערמעהרט די וויסענשאַפט.

(קהלת).

❊ ❊ ❊

דאָרט, וואו דער גלויבען פאַנגט אָן, הערט אויף די וויסענשאַפט. מען מוז די ביידע טהעטיגקייטען פון מענשליכען גייסט, האַלטען וויט איינס פונ'ם צווייטען. דער גלויבען האָט זיין אורשפרונג אין די דיכטעסטע איינבילדונגס קראַפט. די וויסענשאַפט אין דעם ערקענטען פערשטאַנד פונ'ם מענשען.

(חעקעל).

❊ ❊ ❊

עס גיבט קיינע פאַטריאָטישע קונסט, און קיינע פאַט-ריאָטישע וויסענשאַפט.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

אַ געלעהרנטען פֿעהלט אַלע מאָל עטוואָס, ענטוועדער די פֿאַרב, אָדער דער אָטהעם, אָדער דער מאָגען זאַפֿט, אָדער דער זאָגענאַנטער מענשען פֿערשטאַנד.

(דזשאָן פאול).

* * *

צווישען טויזענד געלעהרטע קען מען קוים געפֿינען איין קלוגען מאַן.

(קלינגער).

* * *

וויסען אום צו וויסען איז פֿהילאָזאָפֿיע. ערגעבענהייט דאָרט וואו מיר הערען אויף צו וויסען, איז רעליגיאָן.

* * *

דער פֿהילאָזאָף איז דער סך הכל פֿון איבערליפֿערונג און ערפֿאַהרונג, פֿון געלעגענהייט און שטודירען, פֿון געזונדהייט און געזעלשאַפֿט.

(לאַנגע).

* * *

דער פרינציפּ פֿון אַלעס, איז דאָס וואַסער, אַלעס קומט אויס וואַסער, און אין וואַסער קעהרט אַלעס צוריק.

(טהאלעס):

* * *

גאָט איז איינס און אַלעס...

* * *

וכען גאָט קענען מיר מיט'ן פֿערשטאַנד, געפֿינען איהם— נור מיט'ן האַרצען.

(עטוועש).

* * *

קיין זאַך איז נישט אַזוי בעקאַנט אויך נישט אַזוי אונ-בעקאַנט, ווי גאָט.

(פֿלעשיע).

* * *

האָב מורא פֿאַר גאָט, און פֿאַר אַלע וואָס האָבען פֿאַר איהם קיין מורא נישט.

(פֿיערמאַן).

* ❊ ❊

דאָס וואָרט גאָטעס־דיענסט דאַרף זיך נישט בעציהען אויף געהן אין גאָטעס-הויז, נור אויף געטליכע טהאַטען.

(ליכטענבערג).

❊ ❊ ❊

וויפֿיעל מענשען וואָלטען נישט געגאַנגען אין גאָטעס-הויז, ווען נור גאָט אַליין וואָלט זיי געזעהען.

(פּטיסען).

❊ ❊ ❊

ווער עס בעזיצט וויסענשאַפֿט און קונסט, דער האָט אויך רעליגיע, ווער עס בעזיצט נישט ביידע, דער זאָל האָבען רעליגיע.

(געטהע).

* ❊ ❊

רעליגיע שטאַמט פֿון האַרצען און נישט פֿון קאָפּ.

(וויעלאַנד).

❊ ❊ ❊

די רעליגיע האָבען מיר פֿון גאָט, די טהעאָלאָגיע (רעלי-גיאָנס-לעהרע) פֿון מענשען.

(דע שערגיי).

* * ❊

ביי דער רעליגיאָן, איז נאָר דאָס הייליגע אמת, און ביי דער פֿהילאָזאָפֿיע איז נאָר דאָס אמת'ע הייליג.

(פֿייערבאַך).

❊ ❊ ❊

די קירכע דאַרף זיך געפֿינען אין דער מלוכה, אָבער נישט די מלוכה אין דער קירכע.

(נאַפּאָלעאָן).

❊ ❊ ❊

דער אַבערגלויבען איז אַ נאַטירליכע קראנקהייט פֿונ'ם מענשען.

(געטהע).

* ❊ ❊

אמת'ע נביאים געפֿינען טהייל מאָהל הייסע אַנהענגער, די פֿאַלשע—אָבער, געפֿינען זיי אימער.

(עשענבאַך).

❊ ❊ ❊

אַ גרויסער טהייל פֿון דער געטליכער אויפֿקלעהרונג האָבען מיר צו פֿערדאַנקען די אידישע רעליגיאָן, דורך איהר קענען מיר זיך היינט ערפֿרייען מיט אַ טהייערע אונשעצבאַרע וואַרהייט. נעמליך די לעהרע פֿון איין איינציגען גאָט, אויס דיעזען גרונד, מוזען מיר דאָס אידישע פֿאָלק בעטראַכטען, אַלס א וויכטיגעס, וועלט-היסטאָרישעס פֿאָלק, און אַלדעס בייז וואָס מען איז געוואָהנט צו זאָגען אויף דעם פֿאלק, אלע בעמיהונגען פֿון די וויטציגע קעפּ, דיעזעס פֿאלק צו ערניע-דעריגען, צו פֿערקלענערען, וועלען אונז ניט הינדערען צו זיין גערעכט קעגען זיי.

(מילער).

❊ ❊ ❊

אנ'אונטערשיעד אין רעליגיעזע פֿראגען מאַכט אָן מעהר מחלוקת ווי אנ'אונטערשיעד צווישען פּאָליטישע פּארטהייען.

(וועגדאַל פיליפּס).

* ❊ ❊

אַלע רעליגיאָנס פּאַרטהייען זענען נור זאָ לאנג ליבעראל און פֿערלאַנגען נור זאָ לאַנג טאָלעראנץ, זאָ לאַנג זיי זענען די מינאָריטעט, און ווערען אונטערדריקט פֿון אַנדערע פֿער-שיעדענע פּאַרטהייען. קוים אָבער ערדייכען זיי די הערשער-מאַכט, איז פֿון ליבעראליזמוס מעהר קיין זכר ניט, און זיי ציינען זיך אַרויס נאָך פֿיעל וועניגער טאָלעראנט ווי זייערע פֿאָרגענגער.

(האַרטמאַן).

❊ ❊ ❊

וואָס אַמאָל איז געווען אַ לאַסט, אַ יאָך, איז היינט אַ זיסע געוואָרען.

* * *

די רעליגיאָן איז די בעסטע פיהרערין דורכ'ן לעבען, די בעסטע לייטערין אין גליקליכע טעג, און די בעסטע טרייס־טערין אין אונגליק.

* * *

מיר זענען ניט מעהר ווי מענשען, ניט אַלע מאָל האָבען מיר דעם מוטה צו בעטען; ביי גאָט איז וועלען בעטען, אויך בעטען.

(לעססינג).

* * *

איין איינציגער דאַנקבאַרער בליק צום הימעל איז דאָס פאָלקאָמענסטע געבעט.

(לעססינג).

* * *

די רעליגיאָן פון די פרויען בעשטעהט געוואוינליך אין דעם, גאָט צו דינען און העפליך צו זיין קעגען טייפל...

* * *

די לעצטע קאָקעטעריי פון די פרויען, איז פרומקייט...

* * *

אַ פרוי וועלכע פעראַכטעט די רעליגיאָן, איז ווי אַ בלום אָהן ריח.

(היינע).

* * *

רעליגיאָן איז די העכסטע הומאַניטעט. דער בוכשטאַב איז נאָך ניט דער גייסט, און די ביבעל איז ניט די גאַנצע רעליגיאָן.

(לעססינג).

* * *

ווען עס וואָלט געווען אין דער וועלט נאָר איין רעליגיאָן, וואָלט זי שטאָלץ און צו גלייכער צייט דעספאָטיש געווען.

(פרידריך 2-טער).

* * *

עס גיבט נור איין רעליגיאָן, אָבער עס גיבט פערשידענע אַרטען גלויבען.

(היינע).

* * *

די מייסטע מענשען טרייבען מיט זייער רעליגיאָן אַזוי ווי מיט אַ האַנדווערק...

(געטהע).

* * *

פהילאָזאָפיע איז, די זיסע מילך פון אונגליק.

(שעקספּיער).

* * *

עס גיבט קיינע אנגעבוירענע אידעען, אַלע אונזערע ערקענטניסע שטאַמען אוים דער ערפאהרונג.

(לאָקקע).

* * *

אין דער יוגענד פערזוכען די פהילאָזאָפען זעהר גערן דעם לעבענס גענוס, נור ערשט אין דער עלטער ווערען זיי פעסימיסטיש...

* * *

דער אַרכיטעקט בעוואָהנט אַליין זעלטען דאָס הויז וואָס ער בויט, ער איז גלייך צו די מאָדערנע פהילאָזאָפיע.

(בערנע).

* * *

ווען מען וויל וויסען דאָס וואָס קיין מענש קען עס וויסען און מען שטעלט זיך אַזוי גלייך ווי מען ווייסט עס יאָ.— דאָס רופט מען פהילאָזאָפירען.

(יאָרדאַן).

* * *

פֿהילאָזאָפֿען זענען נישט מעהר, אַלס די שמידען, וועלכע פֿערפֿערטיגען דעם פלוג. עס מוז נאָך פֿיעלעס געטאָהן ווערען ביז מען קאָן דאָס ברויט צום עסען פֿאַרטיג מאַכען.

(בערנע):

* * *

די גריכען זענען געווען די ערשטע פֿהילאָזאָפֿען אין דער וועלט, און זיי האָבען אויך לייכט געקענט ווערען, ווייל זיי האָבען ניט געברויכט צו לערנען ניט גריכיש און ניט דייטש.

(סאַפֿיר).

* * *

לוסטיג מאַכען זיך איבער פֿהילאָזאָפֿיע, הייסט אויך פֿהילאָזאָפֿיע.

(פאסקאַל).

* * *

די וועלט געשיכטע איז דאָס וועלט געריכט.

(שיללער).

* * *

די געשיכטע פֿון יעדעס ציוויליזירטעס לאַנד, איז דאָס געשיכטע פֿון איהר גייסטיגע עטוויקלונג.

(ריעל).

* * *

די איינציגע וואַהרע געשיכטע איז ביאָגראפֿיע.

(קאַרלייל).

* * *

אַ גוטעס בלאַט געשיכטע איז בעסער אַלס טויזענד בלעטער געדיכטע.

(שעפֿפֿעל).

* * *

דער מענש מוז בלייבען ביי דעם גלויבען, אַז דאָס אונבעגרייפֿליכע איז בעגרייפֿליך, אַז ניט וואָלט ער ניט נאָכגעפֿאָרשט.

(געטהע).

* * *

די אמת'ע נאַטור וויסענשאַפֿט שליסט אוים דאָס אונגלויבען און דעם אַבערגלויבען.

* * *

דאָס שעהנסטע גליק פֿונ'ם דענקענדען מענשען איז, דאָס ערפֿאָרשליכע צו ערפֿאָרשען און דאָס אונערפֿאָרשליכע רוהיג צו פֿערעהרען.

(געטהע).

* * *

דאָס האַרץ איז די קוועלע, דאָס פֿאָטערלאַנד פֿון די געדאַנקען: און ווער עס וויל פֿרישעס טרינקען, מוז שעפּען אוים דיזער קוועלע.

(בערנע).

* * *

עס איז אַ גרויסע זאַך צו זיעגען איבער דאָס האַרץ, אָבער נאָך גרעסער איז דער, וואָס זיעגט דורך זיין האַרץ.

(שיללער).

* * *

גאָלד ווערט אין פֿייער געפּרובט, דאָס האַרץ אין ליידען.

* * *

רייבע הערצער ערלעבען פֿיעל אין אַ קורצער צייט.

(שפּיעלהאַגען).

* * *

אַ ווייכע האַרץ איז ווי אַ ווייכע פֿרוכט וועלכע הענגט אַראָב אַזוי טיעף, דאָס יעדער קען עס אררייבען און פֿער־וואונדען, די האַרטע פֿרוכטען הענגען העכער.

(וויינפּאול).

* * *

עס גיבט מאַנכע מענשען, וועלכע עס דאַכט זיי, דאָס זיי האָבען אַ נוטעס האַרץ און צום סוף האָבען זיי נור שוואַכע נערוועז.

(עשענבאַך).

* * *

איין ענטהוזיאסט איז דאָס ליעבענסווירדיגסטע, עדעלסטע און בעסטע, וואָס אַ שטערבליכער קען זיין.

(וויילאַנד).

❊ ❊ ❊

סאַי אין דער מאָראל, סאַיי אין דער קונסט, איז רעדען גאר ניט און טהוען אַלעס.

(רענאַן).

❊ ❊ ❊

מאָראל! געהט אויף דער גאַס און גיט איינעם אַ לעק-ציאָן איבער מאָראַל און אַ צווייטען גיט א שילינג און איהר וועט זעהען ווער פֿון די צוויי וועט אייך בעסער רעספעקטירען.

(דזשאָנסאָן).

❊ ❊ ❊

דער ציוויליזירטער ווילדער איז דער שלימסטער ווילדער.

(וועבער).

❊ ❊ *

גיבט אונז די ריכטיגע ערציהונג און אין איין יאָהר הונ-דערט וועלען מיר איבערענדערען דעם כאַראַקטער פֿון אייראפא.

(לייבניטץ).

❊ ❊ ❊

וואָס פֿרייער די אינסטיטוציאָן פֿון אַ פֿאלק איז, דעסטאָ שטרענגער דאַרף זיין די ערציהונג.

(דיסעסטערוועג).

❊ ❊ ❊

אום אַ גוטע ערציהונג צו האָבען, מוז מען יעדען טאָג חאָטש איין ליעד הערען, איין גוטעס געדיכט לעזען, אַ גוטעס בילד זעהען, און ווען מעגליך אַליין צו מאַכען און עטליכע פֿערנונפֿטיגע ווערטער רעדען.

(געטהע).

❊ * ❊

ניט יעדער שעהן געוואקסענער פּוס גיר יעדער גוט גע-פּאַכטער שוך צייגט די שעהנע בילדונג פֿונ׳ם פֿוס.

(מאָנטאַיגנע).

* * *

וועלכע ערציהונג האַלט אויס ? די יעניגע, וועלכע לערענט דעם מענשען זיך זעלבסט צו ערציהען.

(שערער).

* * *

ביי דער ערציהונג דאַרף מען ניט פֿערגעסען, דאָס דער פֿערשטאַנד פונקט ווי דער קלונג פֿון אַ שווערד דאַרף זיין ניט נור שאַרף, נור אויך שטאַרק און פעסט אום פֿרוכטבאַר צו זיין, און דאָס שלייפֿען אַלע מאָל מאַכט ניט נור שאַרפֿער נור אויך שוואַכער.

* * *

זיי לאַנגזאַם אין שטראָפֿען און שנעל אינ׳ם בעלוינען.

(הייגריך I).

* * *

האָסט דו קינדער, זאָ שמיים זיי און בייג זייער נאַקען פֿון דער יוגענד אָן.

(בן סירא).

* * *

אַ שטרענגע דיסציפּלין פֿון דער יוגענד וועלכע מאַכט דעם מענשען מוטהיג, געדולדיג אין קאַמפּף פֿעהיג, ברענגט אַרוים די גרעסטע מענשען.

(דיסטערוועג).

* * *

פֿערשפּרעכטס דו עפּעס דיינע קינדער אדער סטראשעסט דו זיי צו שטראָפֿען און האַלסט ניט קיין וואָרט, צערשטערסטו אַליין דיר יעדע אַכטונג ביי זיי.

(זאַלצמאַן).

* * *

קיין זאַך האָט אַ בעסערען איינפֿלוס אויף קינדער, ווי לויבען זיי.

(שערידאַן).

❊ ❊ ❊

די גרעסטע קרענקעניש פֿון אַ מענשען איז, ווען ער געפֿינט ניט די איינפֿאכע גערעכטיגקייט, דאָרט, וואו ער דאַרף ערוואַרטען ליעבע און אַכטונג און ער מוז זיך צו לאָזען אַ'נאונגערעכטע בעהאַנדלונג. דאַרום איז ביי דער ערציהונג פֿון קינדער גערעכטיגקייט פֿיעל מעהר וויכטיגער אַלס ליעבע.

(האַרטמאַנן).

❊ ❊ ❊

אַ פֿאָלק, וועלכעס פֿערלאָזט זיין אייגענע שפּראַכע, פֿער-ליערט זיין שטים רעכט אין דער מענשהייט און איז ניט מעהר ווי דער שפּיעלער פֿון דער שטומער ראָלע אויף די פֿעלקער ביהנע.

(יאהן).

❊ ❊ ❊

ווער עס קען ניט קיין פֿרעמדע שפּראַכען, דער קען פֿון זיין אייגענער ניט וויסען.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

ווילסטו איבער שאַדען ניט קלאָגען
וויים וואָס דו זאָגסט און ווי צו זאָגען.

(ריקערט).

❊ * ❊

שלעכטע פּלוידעריי פֿערדאַרבט די גוטע זיטען.
אַ שאַרפֿע צונג, איז דאָס שניידענדע אינסטרומענט,
וועלכעס וואָס מעהר מען נוצט, ווערט עס אַלץ שאַרפֿער.

(אירווינג).

❊ ❊ ❊

אַ טאַלאַנט בילדעט זיך אין דער שטיל און אַ כאַראַק-
טער אינ'ם שטראם פון דער וועלט.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

אָפטמאָל חלומ'ט אַ מענש פון אַ צוקונפטיגען גליק און פערשאַפט זיך דאַדורך דאָס געגענוואַרטיגע...

❊ * ❊

דער מענש בלאָנדזשעט זאָ לאַנג ער שטרעבט.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

ענערגיע איז די איינציגע און ערשטע טוגענד פון מענשען.

(הומבאָלד).

❊ ❊ ❊

ווען מען איז אויף דעם וועג צו גרויסע זאַכען, זאָל מען זיך ניט אָבשטעלען ביי קליינע.

(העבעל).

❊ * ❊

ווער עס ווירקט אין דער עפענטליכקייט איז די וועלט קעגען איהם אין קריעגסצושטאַנד, ער מוז זיין געפאַסט אויף אַלעס, אַזוי ווי אין אַ שלאַכט, ער מוז שאַפען און אימער ווידער שאַפען, יעדע נייע שעפּונג איז א נייער זיעג. פאָר-ווערטס! הייסט זיין לייזונגס וואָרט.

* ❊ ❊

קמצנות איז דער וואָרצעל פון אַלע איבלען.

❊ ❊ ❊

דעם אָרעמאַן פעהלט פיעלעס, דער קאַרגער אָבער האָט גאָר נישט.

(פובליליוס סיריוס).

❊ ❊ ❊

דאָס לעבען פון אַ קאַרגען איז אַ קאָמעדיע, וועלבער מען אַפּלאָדירט נור נאָכ'ן לעצטען אַקט.

(דיובע).

* * *

דער דעוויז פון אַ קאַרגען איז—לעבען ווי אַ קבצן און שטאַרבען אַ גביר.

(פטיסען).

* * *

דער פערשווענדער רואינירט זיינע יורשים, דער קאַרגער—זיך זעלבסט.

(לאַבריער).

* * *

א קאַרגער קויפט זיך איין שונאים און א פערשווענדער —פריינד, וואָס זענען ערגער ווי שונאים.

(העבעל).

* * *

אַ קאַרגער קאָן און וויל נישט, אַ פערשווענדער וויל ביז ער קאָן נישט.

(העבעל).

* * *

דער קאַרגער גנב'עט ביי זיינע בעדערפענישען, אום רייך צומאַכען זיין איינבילדונגס—קראַפט.

(בואסט).

* * *

צוויי זענען אוננוצליך ביים לעבען: אַ קאַרגער און אַ געשטאָפּטער חזיר.

(זאפיר).

* * *

דער טויט פון אַ קאַרגען איז זיין איינציגע גוטע טהאַט.

(פובליליוס סיריוס).

* * *

אַ קארגער קאָן אויך אַ מאָל זיין אַ קלוגער, אַ פער-שווענדער איז אַלע מאָל אַ נאַר.

(מאַר. דע סאָמערי).

* * *

דער פערשווענדער עסט פריהשטיק מיט רייכקייט, מיטאָג מיט מאַנגעל, אָבענד-ברויט מיט אָרעמקייט און לעגט זיך שלאָפען מיט בזיון.

(פראנקלין).

❁ ❁ ❁

איין עזעל האָט ביי זיינע לעבענס צייטען נישט מעהר ווי פיעל ארבייט און שלעכטע שפייז, און נאך זיין טויט מאַכט מען פון זיין פעל אַ פויק, וועלבע מאַכט אנדערע לוסטיג און פרעהליך, אַזוי איז אויך מיט'ן קמצן.

❁ ❁ ❁

די חיה ווייזט אַרויס איהר נאַטור, ווען זי זעהט בלוט און דער מענש, ווען ער זעהט געלד.

❁ ❁ ❁

דאָס רייכטהום איז געגליכען צום ים וואַסער, וואס מעהר מע טרינקט דערפון, אַלס מעהר דורשטיגער ווערט מען.

(שאָפענהויער).

❁ ❁ ❁

דענקען וואָס אמת איז, פיהלען וואס שעהן איז, און וועלען וואס גוט איז, אין דעם דערקענט דער גייסט דעם ציעל פונ'ם פערנונפטיגען לעבען.

(פלאַטאָ).

❁ ❁ ❁

גוטע האַנדלונגען האַלטען זיך אַם בעסטען זכרון ווען מ'בעניוט זיי.

❁ * ❁

די בעסטע פרייד איז יענעם פרייד צו מאַכען.

(בייראן).

❁ ❁ ❁

ווען דו גיסט אַ נדבה, זאָ זאָל דיין לינקע האַנד ניט וויסען וואָס דיין רעכטע טהוט.

* ❁ ❁

מיטלייד איז אַ פאָרנעפיהל פון'ם אונגליק, וועלכעס קען אויך אונז טרעפען.

(לאראשפוקא).

* * *

מיטלייד איז דער קאָמוניזם פון'ם הארצען.

(דעקורסעל).

* * *

באַרעמהערציגקייט, וועלכע האָט מיטלייד מיט דעם מערדער, בענעהט זעלבסט אַ מאָרד.

(שעקספיער).

* * *

ביי אַנ'אָרעמאַן בעט מען נישט קיין נדבה.

(גאָרקי).

* * *

ווער עס איז מנדב פאַר'ן טויט, שענקט נישט זיינס, נור די יורשים'ס.

* * *

מען קען דאָך אַלעמען נישט געבען! זאָגט דער אונבאַרעמהערציגער, און גיעט נישט קיינעם.

(עשענבאַך).

* * *

האָבען און נישט געבען איז אין געוויסע פאַללען ערגער, ווי גנב'נען.

(עשענבאַך).

* * *

נור יענער פערדיענט דעם נאָמען וואָלטהעטער, ווער עס טהוט אימער גוטעס.

(לעמאָנטיי).

* * *

וואָהלטהעטיגקייט געפינט מעהר פערעהרער ווי נאָכטהוער.

(בואַסט).

* * *

פֿערשטאַנד מאַכט אונז פֿאַר פֿהילאָזאָפֿען, עהרע—פֿאַר העלדען, וואָהלטהאַט אָבער—פֿאַר קלוגע.

(וואָווענאַרג).

* * *

עס לעבט נור יענער, וועלכער לעבט נישט פֿאַר זיך אַליין

(מענאַנדער).

* * *

מיין קינד, ווען דו גיפּסט יענעם אַ נדבה בעטריעב איהם ניט מיט האַרטע ווערטער.

(בן סירא).

* * *

די וואַרהייט איז נוצליך פֿיר דעם וואָס ער הערט, און שעדליך פֿיר דעם וואָס זאָגט זי.

* * *

צו ערפֿיהלען אַ פֿערשפּרעכען איז געווען דאָס בעדירפֿניש פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, און דאָס געבראָכענע וואָרט, איז דאָס בעדירפֿניש פֿון דער געגענוואַרט.

* * *

גאָלד איז אַזוי גוט ווי צוואַנציג רעדנער.

* * *

ווען מען שיסט מיט גאָלדענע קוילען קען מען באַלד אַ פֿעסטונג איננעהמען...

* * *

אַ מענש קען לאַכען און לאַכען און דאָך אַ שורקע בלייבען.

(שעקספּיער).

* * *

ווען די מענשען זאָלען ניט שמייכלען און חנפֿ'נען איינער דעם אַנדערען וואָלט קיין געזעלשאַפֿט ניט געווען.

* * *

ווער עס פיהלט ניט קיין ליעבע מוז זיך לערנען שמייכ-לען, אַנדערש וועט ער נישט אויסקומען.

(געטהע).

* * *

דער גנב איז געוויס אַ שענדליכע זאַך, אָבער אַ פער-ליימדער איז פיעל שענדליכער.

(בן סירא).

* * *

אַ ליגען איז ווי אַ שנעע באלל, וואָס לייננער מען קאַטשעט איהם, אַלס גרעסער ווערט ער.

* * *

די וואַרהייט ליעבט פריעדען נור ניט מיט נאראנים.

* * *

די וואַרהייט איז ניט ווי אַ לוסטיגע מיידעל וועלכע וואַרפט זיך אויפ'ן האַלז פון דעם וואָס וויל איהר, זי איז פיעל מעהר אַ צוריקגעהאַלטענע שעהנע מיידעל וועלכע מען אָפפערט אַפילו אַלעס פאר איהר, איז מען נאָך אויך ניט זיכער נושא חן צו זיין ביי איהר.

(שאָפענהויער).

* * *

גערעכטיגקייט געפינט מען נור אויף דער סצענע, אויף דער וועלט הערשט נור דער שיין פון גערעכטיגקייט.

(שיללער).

* * *

איבערמעסיגע גערעכטיגקייט איז דאָס זעלבע, וואָס אונ-גערעכטיגקייט.

(ציצערא).

* * *

דעם מענשען איז גאָרנישט אַזוי אומעדיג צו זיצען אין געפענגעניש, ווען זיין גערעכטיגקייט זיצט מיט איהם מיט.

(לאַטייניש. שפריכוואָרט).

* * *

דאָס גערעבטינקייט איז אַזוי פיעל געגען אונזערע אינ־טערעסען, דאָס די, וועלכע היטען זי אָב, ווערען גערעכענט פאַר העלדען.

(פאָנטענעל).

* * *

גערעכטיגקייט אָהן קראַפט איז אָהנמעכטיג, קראַפט אָהן גערעכטיגקייט—טיראַניע.

(פאַסקאַל).

* * *

בעסער איז ליידען אַנ'אונגערעכטיגקייט, אַלס בעגעהן זי אַליין.

(פסיידאָ פובליליוס).

* * *

ווער עס קאָן נישט פערליידען קיין אונגערעכטיגקייט, טאָר נישט אַרויסקוקען דורכ'ן פענסטער, און דאַרף האַלטען זיין טהיר פערמאַכט, און זיינע שפיעגלען פערדעקט.

(זיימע).

* * *

די אונגערעכטיגקייט וואָס מען טהוט אַ יחיד, ווערט אַ דראָהונג פאַר'ן כלל.

(בואסט).

* * *

די אונשולד ציערט מעהר אַלס זיידענע קליידער.
נאַטירליכע זאכען ברויכען זיך ניט צו שעהמען.

(דוכמאַנן).

* * *

גרויסע מענשען רעדען איינפאַך ווי די נאַטור.

* * *

די קונסט פון לעבען פאַנגט זיך אָן דאָרט, וואו די נאַ־טירליכקייט הערט אויף.

(גוטצקאָוו).

* * *

וואַרהייט איז דאָס לייכטעסטע שפּיעל; שטעל זיך אַליין פאָר אָט ווי דו ביסט וועסט דו קיין מאָל זיין אין געפאַר אַרויסצופאלען פון דיין ראָללע.

(ריקערט).

* * *

וואַרהייט איז אַ פּרוכט, וועלכע מען דאַרף פליקען ערשט דאַן ווען זי איז רעכט רייף און צייטיג.

(וואָלטער):

* * *

קינדער און טהירע ערפרייען אונז דורך זייער נאַאיוויטעט, אונטער הונדערט מענשען געפינען מיר קיינעם ניט וואָס זאָל זיין נאַטירליך און אויפריכטיג.

* * *

פּינקטליכקייט איז די העפליכקייט פון די קעניגע.

(לודוויג 15-טער).

* * *

גיבען אַנדערע אַ געלעגענהייט אונז גוטעס צו טאָהן, הייסט אויך אַ גוטע זאך.

(אויערבאַך).

* * *

אַנ'ערעלע טהאַט בעלאָהנט זיך זעלבסט.

(סאָפאָקלעס).

* * *

אַ שעהנע מענשליכע זעעלע צו געפינען, איז אַ גרויסער געווין, אַ נאָך שעהנערער געווין איז, די זעלבע אויפצוהאַל-טען; דער שעהנסטער און שווערסטער געווין אין אַ פערלאָ-רענע זעעלע צו רעטען.

(ביבעל).

* * *

וועה איז דעם, וועלכער שטאַרבט אָב און האָט קיינעם קיין ליעבע געשאָנקען.
און וועה איז דעם בעסער וואס ווערט צובראכען, און האָט קיין דורשטיגען אָנגעטרונקען.

(ריקערט).

* * *

אונזער העכסטעס געזעץ—איז אונזער אייגענער פאָרטהייל.

(געטהע).

* * *

דאָס וויינען פון אַ יורש איז אַ פערמאַסקירטעס לאַכען.

* * *

אַ פרעהליכען בעל צדקה האָט גאָט ליעב.

* * *

שענק אַוועק דיין געלד, אָבער לייהע עס ניט אַוועק, שענקען מאַכט נור אונדאַנקבאַר, לייהען מאַכט שונאים.

(א. דיפּמאַר).

* * *

דער לייכטזיניגער איז א שווים גאַרטעל פאַר דעם שטראם פון לעבען.

(בערנע).

* * *

עס גיבט קיין עדעלערעס אויף דער ערד, אַלס די טרייקייט פון האַרצען און דאָס שטילקייט פונ'ם מויל.

* * *

די קלוגע ווענען זייערע ווערטער מיט אַ גילדענער וואָג.

(בן סירא).

* * *

איין נאַר, ווען ער שווייגט, הייסט אויך אַ קלוגער.

(משלי).

* * *

ערפֿאָלג פֿערבינדעט, מיסערפֿאָלג שיידעט.

* * *

דער ערפֿאָלג איז דער לעהרער פון די נאַראָנים.

* * *

עס איז ליעבער איין ענדע מיט שרעקען איידער אַ שרעקען אָהן אַ ענדע.

* * *

דער בעסטער טהייל פון טאַפּפֿערקייט איז די פֿאָרזיכט.
(שעקספּיער).

* * *

איין העלד איז דער, וועלכער אָפּפּערט זיין לעבען פֿאַר גרויסע זאַכען; ווער עס אָפּפּערט זיך פֿאַר קלייניגקייטען איז איין נאַר.
(גרילפּארצער).

* * *

די גריכען און די אידען זענען אַלס שטאַאַטס פֿעלקער צו גרונדע געגאַנגען און געוואָרען די גרינדער פון דער אַלגעמיינער קולטור.
(אויערבאַך).

* * *

די נויטהווענדיגקייט האָט געבאָרען די ערפֿינדונג, די ערפינדונג האָט געבאָרען די בעקוועמליכקייט, די בעקוועמליכקייט האָט געבוירען דאָס פֿערגעניגען.
(בילינגס).

* * *

די ענגלענדער האָבען מעהר מענשען פֿערשטאַנד אלס אירגענד וועלכע אַנדערע נאַציאָן, אָבער זיי זענען נאַראָנים.
(מעטערניק).

* * *

דזשאָהן בול איז אַ האַרטע נוס, מען מוז זי פּאָרזיכטיג קנאַקען, ער איז שטייף, ווען ער קען דיך ניט. קיים ווערט ער אָבער דיין פריינד איז ער אמת טריי, נור אין דער פּאָ־ליטיק איז ער דער גרעסטער עגאָאיסט.

* * *

די שפּאניער ערשיינען קלוג און זענען נאראַנים. די פראנצויזען ערשיינען און זענען נאַריש, די איטאַליענער ער־שיינען און זענען קלוג, די דייטשען שיינען נאַ־ריש צו זיין און זענען דאָך קלוג.

(שפּאניש).

* * *

דער אמת׳ער סימן פון קלוגשאַפט בעשטעהט אין דעם, צו געפינען וואונדערליכעס אינ׳ם געוועהנליכסטען.

(עמערסאָן).

* * *

קלוגשאַפט בעזיעגט דאָס שיקזאַל.

(יו-ווענאל).

* * *

טהייערער זענען מיר די השערות פון אַ קלוגען, ווי די איבערצייגונגען פון אַ נאַר.

(מיידאַני).

* * *

קלוגשאַפט הייסט די אייגענשאַפט, דורך וועלכע יעדע מענשליכע טהאַט בעקומט אַ אידעאַלען אינהאַלט.

(שלייערמאַכער).

* * *

אַ קלוגער יאָגט זיך נישט נאָך דעם, וואָס איז אַנגענעהם, נור נאָך דעם, וואָס האַלט אָב די אונאַנגענעהמליכקייטען.

(אַריסטאָ).

* * *

איין טאָג פֿין אַ קלוגען איז מעהר ווערט, ווי אַ גאַנצעס לעבען פֿון אַ נאַר.

(בואסט).

* * *

ווען אַ נאַר גיט אַמאָל אַ קלוגע עצה, איז גוט אַ קלו-גער זאָל זי אויספֿיהרען.

(לעסינג).

* * *

קיין זאך כאַראקטעריזירט נישט אַ מענשען, ווי זיין אום-גאנג מיט נאַראנים.

(אַמיעל).

* * *

אַלעס האָט אַ גרענעץ, נור דעם מענשענס נאַרעשקייט איז אונבעגרעניצט.

(פֿלאָבער).

* * *

דאָס נאַרעשקייט איז אַ מתנה פֿון גאָט, נור מען דאַרף די דאָזיגע מתנה נישט צופֿיעל מיסברויכען.

(ביסמארק).

* * *

אַלעס פֿערליערט דער מענש מיט די יאָהרען: יוגענד, שעהנהייט, געזונדהייט, עהרען-ליעבע, נור איין זאַך בלייבט איהם: זיין נאַרעשקייט.

(אריסטאָ).

* * *

אַ נאַר געהערט אין דער קינדהייט—די עלטערן, אין די יונגע יאָהרען—דער געליעבטע, אויף דער עלטער—די קינדער, קיינמאָל אָבער זיך זעלבסט.

* * *

אַ נאַר אָדער אַ קלוגער זענען ביידע נישט שעדליך, שעדליך איז נור דער האַלבער-נאַר, אָדער דער האַלבער-קלוגער.

(געטהע).

* * *

אַ נאַר לאַכט פֿון אַ קלוגען, אַ קלוגער אָבער לאַכט נישט פֿונ'ם נאַר, ער בעדויערט איהם.

(ווינקלער).

* * *

נאַרעשקייט ברענגט מעהר נוטצען אַ קלוגען, ווי קלוגשאַפֿט דעם נאַר.

(שעקספיער).

* * *

עס איז זעהר נאַריש צו וועלען זיין קליגער פֿאַר אַלעמען.

(לאַראָשפוקא).

* * *

אַ מענש מיט פֿערשטאַנד וועט נישט נור זאָגען אַ נאַ-רעשקייט, ער וועט עס אויך נישט וועלען הערען.

(בערנע).

* * *

יעדער מענש האָט אין זיך אַ געוויסע מאָס נאַרעשקייט, די גאַנצע קונסט איז נור, זי נישט אַרויסצוווייזען.

* * *

אַ נאַר הייסט דער, וועלכער ענדערט נישט קיינמאָל זיינע אַנשויאונגען.

(באַרטעלעמי).

* * *

אויף נארישע פֿראַגען איז נישט לייכט צו ענטפֿערען.

(אַנדערסאָן).

* * *

שפעטען אוים דעם קלוגען איז די נאַטירליכע פריווילעגיע פֿונ'ם נאַר.

(לאַמאַרטין).

* * *

אַ נאַר וואַרפֿט אַ שטיין אין גאָרטען אַריין, קענען איהם צעהן קלוגע נישט געפֿינען.

(רוס. שפריכוואָרט).

* * *

אַזוי ווי קלוגע ווענען טהיילמאָל זעהר נאריש, אַזוי זענען אויך נאַראָנים טהיילמאָל זעהר קלוג.

(היינע).

* * *

אַ יונגערמאַן רעדט וועגען דעם, וואָס ער טהוט, אַן'אַל-טערמאַן—וועגען דעם, וואָס ער האָט געטהון, אַ נאַר—וועגען דעם, וואָס ער וואָלט געוואָלט טהון.

(בואסט).

* * *

פֿון אַלע גיטער פֿון לעבען איז דער רוהם (שם) דאָס העכסטע, דער קערפּער מעג פֿערפֿוילט ווערען אין קבר, דער נאָמען בלייבט דאָך.

(שיללער).

* * *

דער רוהם פֿון גרויסע מענער זאָל מען אימער מעסטען נאָך די מיטלען מיט וועלכע זיי האָבען זיך איהם ערוואָרבען.

* * *

אַ לאָרבער קראַנץ איז אַ מיט בלעטער בעדעקטע דאָרען-קרוין.

(שאָפּענהויער):

* * *

אין דעם האַרצען וואוינט דעם מענשענס גרויסקייט און אין דעם אונגליק לעבט דער אמת'ער שטאָלץ.

(אויפּענבערג).

* * *

עס גיבט מענשען, וועלכע ווערען גרויס דורך די זאַך, וואָס זיי האָבען ערךייכט. און אַנדערע דורך די זאַך, וואָס זיי האָבען צוריק געוויזען.

(גרימם).

* * *

די גרויסע מענשען האָבען צו פערדאַנקען איין פֿיערטעל פֿון זייער בעריהמטהייט זייער דרייסטקייט, חוצפה, צוויי פֿיערטעל דאָס גליק און דאָס לעצטע פֿיערטעל זייער פֿערברעכען.

(פֿאַסקאָלאָ).

* * *

די, וואָס עסען פֿיעל און שלאָפֿען לאַנג, זענען אונפֿעהיג צו גרויסע זאַכען.

* * *

די הויכקייט פֿון איין עררייכטען ציעל קען מען אָבשאַ-צען דורך די אומזיסטע מיהע פֿון די יעניגע, וועלכע ווילען נאָך קלעטערען.

(הילער).

* * *

דאָס קלענסטע פֿאָטערלאַנד איז ניט צו קליין פֿאר די גרויסע ליעבע צו דעם. וואָס ענגער עס איז דיר אין דעם, אַלס נאָהענטער איז עס דיר צום האַרצען.

(מיללער).

* * *

לעבען אָדער שטאַרבען,ביידע זאַכען זענען זיס פֿאר דאָס פֿאָטערלאַנד.

(היינע).

* * *

ניט דעם באָדען אונטער מיינע פֿיס רוף איך פֿאָטערלאַנד זאָנדערען די שפראכע רעליגיאָן, געזעץ, רעגיערונג, גלייכע בלוט, אָט דאָס מאַכט לאַנדס-לייט.

(קוטערידזש).

* * *

דאָס לעבען איז גלייך צו אַ טהעאַטער, די שלעכטע מענשען האָבען אָפֿט די בעסטע פּלעצער.

(אַריסטאַנימאָס).

* * *

די וואָס רייזען איבער'ן ים וועקסלען נור דאָס קלימאַט
ניט דעם חאַראַקטער.

❀ ❀ ❀

גאָט מאַכט דאָס לאַנד, און דער מענש די שטאָדט.
(קאָפּער).

❀ * ❀

אינ'ם איינזאַמסטען לאַנד, פֿיהלט מען זיך ניט אַזוי איינ-
זאַם ווי אין אַ גרויסע שטאָדט.
(ביסמאַרק).

❀ ❀ ❀

ווי אין דעם קרוג דער וויין אַזוי צוטהיילען זיך די
פֿאָלקס-קלאַסען, אויבען דער שוים, אין מיטען ריין, אונטען
דער געדיכטער אָבזאַץ.
(מאַראַוווסקי).

❀ ❀ ❀

ווען עס קען אַנדערש ניט זיין, מוז דער קלענערער פֿאַלען
וועגען גרעסערען. דער איינצעלנער מוז פֿיר די אַלגעמיינהייט
געאָפּפֿערט ווערען.
(איבסען).

❀ ❀ ❀

אַזוי איז דער מענש צו אַלע צייטען,
דאָ איז ער יונג, דאָ איז ער אלט;
היים איז ער צו קלייניגקייטען
און צו גרויסע זאַכען קאַלט.
(ליכטוועהר).

❀ ❀ ❀

אום איין עפֿענטליכעם אַמט צו פֿערוואַלטען, ברויכט
מען אַ געוויסע צאָהל גוטע און—שלעכטע אייגענשאַפֿטען.
(עשענבאך).

❀ ❀ ❀

ווען מען גאָט ניט איין אַמט, דעם גיט ער אויך פֿערשטאַנד.
(אַריסטאַנומאַס).

* * *

איינער ליגט שוין לאַנג אין קבר און בעהערשט נאָך דיזע וועלט.
אַנ'אַנדערער שלאָפֿט וועהרענד ער איז צום הערשען בעשטעלט.
(מיללער).

* * *

עס טרעפֿט ניט זעלטען, דאָס איינער פֿערקויפֿט זיין עהרע פֿיר איין עהרענצייכען.
(דזשייקאָבס).

* * *

דער קלוגער דאַרף פֿעראַכטען דעם רוהם. אָבער ניט די עהרע, זעלטען געפֿינט מען עהרע דאָרט וואו רוהם איז, און כמעט נאָך זעלטענער געפֿינט מען רוהם וואו עהרע איז.
(סיימע).

* * *

דער ווילען פֿון אַ קעניג, איז דאָס העכסטע געזעץ.

* * *

אונגליק קען קומען דורך אַנדערע, אָבער ערנידערט קען אַ פֿאָלק ווערען דורך זיינע אייגענע האַנדלונגען, דער פֿרעמדער קען ברענגען שאַדען אָבער ניט קיין שאַנדע. אַ פֿאָלק ווי אויך אַנ'איינצעלנער מענש קען ניט ווערען עהרענלאָז, ווען עס איז זיך אַליין אמת טריי.
(באַקעל).

* * *

עס וועקסלען זיך פֿעלקער און די שיקזאַלען, די מענשהייט געהט זיך איהר גלייכען וועג.
(קיוקעל).

* * *

קיין פאָלק האָט גאָט פערלאָזען, ביז עס האָט זיך זעלבסט פערלאָזט.

(טרייטשקער).

* * *

דעם פאָלק'ס שטימע, איז גאָטס שטימע.

דאָס פאָלק וויל אימער דאָס גוטע, אָבער עס זעהט עס ניט.

(רוססא).

* * *

גליקליך איז דאָס פאָלק, וואו די רייכע זענען ניט צו רייך, און די אָרימע ניט צו ארעם.

(טהאלעס).

* * *

יעדע נאציאָן שפעט און לאַכט איבער די אַנדערע, און אַלע האָבען רעכט.

(שאָפּענהויער).

* * *

דער גוטער קאָפּ קען פריי אָטהעמען נור אין אַנ'-אטמאָספערע פון פרייהייט.

(סט. מילל).

* * *

ווער איז פריי?

מיר זענען אַלע איבעראל געבונדען: אין דער היים בינדעט אונז די ליעבע פפליכטען, אין געזעלשאַפט בינדעט אונז די זיטען, אינ'ם שטאַאט בינדעט אונז דאָס געזעץ, אין דער נאטור די נויטווענדיגקייט, יאָ, זאָגאַר די אייביגע גייסטער זענען געבונדען. דען עס מוז דאָך זיין אַ געזעץ, נאך וועלכען זיי עקזיסטירען.

(זויפאָך).

* * *

די פרייהייט איז די אייביגע יוגענד פון די פעלקער.

(גענירפאָי).

* * *

דער מענש איז פֿריי ווי דער פֿויגעל אין שטייג, ער קען זיך בעוועגען נאָר ביז אַ געוויסע גרעניץ.

(לאַוואַטאָר).

* * *

פֿרייהייט איז דאָס ברויט וועלכעס די פֿעלקער מוזען עס פֿערדיענען מיט'ן שוויים פֿון געזיכט.

(לאַזעננייעס).

* * *

די פֿרייהייט איז דאָס רעכט פֿונ'ם מענשען, נאָך וועלכען ער זאָל קענען לעבען נאָך דער פֿאָדערונג פֿין פֿערנונפֿט און זיטען. די פֿערנונפֿט איז אין שטענדיגער ענטוויקלונג, די זיטע אין שטענדיגער אויסבילדונג, דאַרום זוכט יעדע נייע צייט אַ נייעם אינהאַלט אין דער פֿרייהייט.

(סייבעל).

* * *

די פֿרייהייט בעשטעהט אין דעם, צו קענען טאָהן אַלעס, וואָס זאָל ניט שאַדען אַנדערע.

* * *

די שעהנסטע חלומות פֿון פֿרייהייט ווערען אין קערקער געטרוימט.

(שיללער).

* * *

ווען אַ נאַציאָן איז אָבהענגיג פֿון איין מענשען איז זי ניט ווערט וואָס זי עקזיסטירט.

(שערידאַן).

* * *

די רעגירונגען, וועלכע אונטערדריקען די רעדע פֿרייהייט, ווייל זיי קענען ניט פֿערליידען די וואַרהייט וועלכע זי פֿער־בּרייטעט, זענען געגליכען צו קינדער, וועלכע מאַכען צו די אויגען אום ניט געזעהן צו ווערען.

(בערנע).

* * *

געוואָהנהייט איז אַ צווייטע נאַטור.

(ציצערא).

* * *

די מענשען זענען עהנליבער צו זייער צייט אַלס צו זייערע עלטערן.

(פליישער).

* * *

די קאפיטאַליסטישע געגענוואַרט בעשטעהט און קען נור בעשטעהן אין דעם, וואָס זי מאַכט מיליאָנען מענשען ברויט און היימאַטלאָז, און וואַרפט אַרוים געוואַלטיגע מענשען-מאַססען פון זייער אייגענטהום און אַרבייט.

(מאַרקס).

* * *

דאָס לעבען פון אַ שטאָדט איז ווי איין שטראָם, שעהן און הערליך ווען ער האַלט זיך אין שטענדיגער בעוועגונג. קוים אָבער שטעלט ער זיך אָב, זאָ ווערט פון איהם אייז אָדער אַ זומפּ.

(מילער).

* * *

דער וועג פון דער מאָדערנער בילדונג געהט:
פון הומאַניטעט,
דורך נאַציאָנאַליטעט,
צו בעסטיאַליטעט.

(גרילפארצער).

* * *

ניט די געוואָהנהייט, זאָנדערן דאָס אָפּפער איז דאָס פעסטע באַנד וועלכעס האַלט דאָס פאָלק און זיין רעכט צו געבונדען, און ווען מען גאָט וויל גוטעס טהון, דעם שענקט ער ניט דאָס רעכט, אויך ערלייכטערט ער איהם ניט די אַרבייט, נאָר ער מאַכט זי איהם שווערער.

(בלאַנטשלי).

* * *

עס איז גאַנץ לייכט, גוטע געזעצע צו פֿאָרברייננגען, עס איז אָבער שווער זיי דורך צופֿיהרען.

(באָלינגברוק).

* * *

ווער עס בעצאָהלט ניט דעם אַרבייטער זיין לוין, איז איין בלוט הונד.

(בן-סירא).

* * *

אין דעם פֿערדאָרבענעם שטאַאַט, גיבט עס די מייסטע געזעצע.

(טאַסיטוס).

* * *

ניט אַלעס וואָס איז ערלויבט איז עהרענהאַפֿט.

(רעמישעס).

* * *

די מייסטע טיכטיגע אַדוואָקאַטען לעבען גוט, אַרבייטען שטאַרק און שטאַרבען אָרים.

(וועבסטער).

* * *

פֿיר אַדוואָקאַטען, גלחים און דאָקטוירים זאָל מען קיין זאַך ניט פֿערשווייגען.

* * *

ווער עס געברויכט נאָר זיין רעכט, טהוט דאַדורך קיינעם קיין שאדען.

* * *

יעדע פֿאָליטיק איז שלעכט, וועלכע פֿערדאַרבט דעם האַראַקטער; העהרליכקייט איז די בעסטע פאליטיק.

* * *

איין קריעגס שיף איז דער בעסטער געזאַנדטער.

(קראָמוועל).

* * *

די שפראך איז דעם מענשען געגעבען אום זיינע געדאַנ־קען צו פערבאָרגען.

(פלוטאַרך).

❋ ❋ ❋

די דיפלאָמאַטען, דאָס זענען מענשען וועלכע מען שיקט אויף רייזען, אום ווענען די טובה פון זייער לאַנד ליגען צו זאָגען.

(ה. וואַטסאָן).

❋ ❋ ❋

וועה איז דעם לאַנד, וואו דער קעניג איז איין קינד.

(קהלת).

❋ ❋ ❋

עס גיבט ניט זיכערעס אין דיעזער וועלט אַלס דער טויט און שטייערען.

(ב. פרענקלין).

❋ ❋ ❋

פאַר דעספאָטיש בעהערשטע לענדער גיבט עס קיינע רעטונג, נור אונטערגאנג.

(שיללער).

❋ ❋ ❋

די ליידענשאַפט פון אַ רעגיערונג איז אַ צייכען פון שוואַכקייט, ליידענשאַפט פון פאָלק איז אַ צייכען פון שטאַרקייט.

(בערנע).

❋ ❋ ❋

די קונסט, דעם ריכטיגען מאַן אויף דער ריכטיגער שטעלע צו שטעלען, איז פיליכט די ערשטע און שווערסטע פון איין שטאַאַטסמאַן; עס איז אָבער נאך שווערער פאַר די אונצופריעדענע אַ בעפרידיגטע שטעלע צו געפינען.

(טאַלעראנד).

❋ ❋ ❋

אַ רעגיערונג דאַרף זיין פון פאָלק, דורך דאָס פאָלק און פאַר דאָס פאָלק.

(א. לינקאָלן).

* * *

דער קריעג איז ניט מעהר אלס די פאָרטזעטצונג פון דער פאָליטיק מיט אַנדערע מיטלען.

* * *

אַנ'אייביגער קריעג פערוואַנדעלט די מענשען אין רויב טהירע, אַנ'אייביגער פרידען און לאַסט-טהירע.

(יום).

* * *

נור די פעלקער. וועלכע מאַכען ענטדעקונגען, האָבען אַ צוקונפט פאר זייער קולטור.

(אויערבאך).

* * *

שפּאָרזאַמקייט איז די גרונד לאַגע פון יעדע קולטור.

* * *

דער מענשען פערקעהר איז אַ קראַפט פונ'ם מענשליכען גייסט, פונקט ווי די וואַרימקייט איז אַ קראַפט פון דער נאַטור. די קרעפטען אָבער ערקענט מען ערשט אין זייער ווירקונג.

(סטעפאַהן).

* * *

די קונסט איז גראדע ניט דאָס ברויט, אָבער דער וויין פונ'ם לעבען.

(י. פאול).

* * *

דאָס לעבען איז צו קורץ און די קונסט איז לאַנג.

(היפּאָקראַטעס).

* * *

דער ענדליכער צוועק דער וויסענשאַפט איז וואַהרהייט, און דער ענדליכער צוועק דער קונסט איז פערגעניגען.

(לעססינג).

* * *

די קונסט געהערט ניט צו קיין לאַנד, זי קומט אויס דעם הימעל.

(מ. אַנדזשעלאָ).

* * *

דער קינסטלער מוז דערלאַנגען זיינע געסט גאָלדענע עפעל אויף זילבערנע שאָלען.

(געטהע).

* * *

אין דער מאָראל איז דער גוטער ווילען אַלעס, אין דער קונסט גאר ניט. דאָ העלפט ניט קיין גוטער ווילען, מען מוז קענען.

(שאָפענהויער).

* * *

די אַלטע קונסט פערקערפערט דאָס גייסטליכע. די נייע פערגייסטיגט דאָס קערפערליכע.

(בערנע).

* * *

דער גאון'אישער קאָפּ ווערט געבאָרען אָבער די איבונג מאַכט איהם ערשט אַלס מייסטער.

* * *

די קונסט-ווערקע זענען ווי מענשען, ביי די גרעסטע פעהלערן קענען זיי דאָך זיין ליעבענסווירדיג.

(בערנע).

* * *

די קונסט ליעבט אימער דאָס גליק, און דאָס גליק די קונסט.

(אריסטאָטעלס).

* * *

דעם קינסטלערס בערוף איז, צו שיקען ליכט אין די טיפעניש פון דאָס מענשליכע האַרץ.

(שוהמאַן).

* * *

די קנאה פאַסט נור פיר ניעדעריגע געמיינע נאַטורען, וועלכע וואַלטען ווי די פערד אויפגעגעסען דאָס גאנצע פיטער פון דער קאָרעטע. קינסטלער, דאַרפען זיין ווי אַדלער, מיט אויסגעשפרייטע פליגעל, דאַ־פען זיי אַרומפליהען אין דעם פרייען אונענדליכען לופט-רוים, אין דעם גע‍יעג פיר דער קונסט.

(לענאַו).

* * *

ווער עס וויל איין דיכטער פערשטעהן,
מוז אין דיכטערס לאַנד געהן.

(געטהע).

* * *

פאָעזיע איז עלטער אַלס די מוטער-שפראכע פון דעם מענשליכען געשלעכט. מאַלעריי איז עלטער אַלס די שריפט, געזאַנג איז עלטער אַלס דעקלאַמאַציאָן. טויט איז עלטער אַלס האַנדעל.

(האַמאַן).

* * *

מוזיק אַליין איז די וועלט שפראכע און מ׳ברויכט זי ניט איבערצוזעצען, דען דאָ רעדט זעעלע צו זעעלע.

(אויערבאַך).

* * *

מוזיק איז די שפראַכע פון דער ליידענשאַפט.

(וואַגנער).

* * *

די מוזיק מוז ביי דעם מאַן אַרויסשלאָגען פייער אויס זיין גייסט.

(בעטהאָווען).

* * *

מוזיק איז דער שליסעל צום ווייבערשען הארצען.

(סיימע).

❋ ❋ ❋

וואס איז מוזיק? זי שטעהט צווישען געדאנקען און ער-שיינונג, א פערמיטלערין צווישען זעעלע און קערפער. זי איז א פערוואנדטע פוןביידע, און דאך פערשיעדען פון ביידע.

(הייגע).

❋ ❋ ❋

קיין בילד, קיין ווארט קען אזוי אויסשפרעכען די אינגערסטע געפיהלען פון הארצען ווי די מוזיק.

(ווישער).

❋ ❋ ❋

דורך די אינסטרומענטען-מוזיק קען א שטומער רעדען, דער קראנקער קען געהיילט ווערען, דער אלטער ווערט יונג, דורך די מוזיק פון דער שטימע צוטהיילען מיר די וואלקען און דרינגען דורך צום בעשעפער.

(היפפעל).

❋ ❋ ❋

וואס איז מוזיק? וואס לייסטעט זי? די מוזיק ווירקט עררעגענד אויף דער זעעלע, די מוזיק צווינגט דעם מענשען זיין אמת'ע לאגע צו פערגעסען און זי פערזעצט איהם אין א פרעמדע לאגע, אונטער דעם איינדרוק דער מוזיק ערלויבט דער מענש צו עמפפינדען דאס, וואס אין דער ווירקליכקייט קען ער ניט עמפפינדען. ער גלויבט צו בעגרייפען דאס ניט בעגרייפליכע און ער גלויבט צו קענען דאס, וואס ער קען ניט.

(טאלסטאי).

❋ ❋ ❋

דורך פידעל שפיעלען רעדט די זעעלע פונ'ם שפיעלער צום הארצען פונ'ם צוהערער.

(מאשעלעס).

❋ ❋ ❋

דאָס בעסטע, עלטעסטע און שעהנסטע אָרגאַן פֿון דער מוזיק, דאָס אָרגאַן, וועמען די מוזיק אַליין האָט צו פֿערדאַנקען איהר עקזיסטענץ, איז די מענשליכע שטימע.

(וואַגנער).

* * *

מאַלעריי איז די קונסט צו בעוועגען די זעעלע דורך די פֿערמיטלונג פון די אויגען. דאַרום ווען דער מאַלער קומט נור ביז צו די אויגען, האָט ער נאָר אַ האַלבען וועג געמאַכט.

(דידעראָט).

* * *

היסטאָרישע פּאָרטרעטס ערוועקען אַלע מאָל אַן'אינטע-רעס, אַפילו ווען זיי זענען אַליין ניט קיין קונסט ווערק. עס דאַכט זיך, דאָס מען לעזט אין די צוגע פֿון גרויסע פּערזענ-ליכקייטען זייער שיקזאַל און זייערע טהאַטען.

(מאָלטקע).

* * *

אום אַ גוטער מאַלער צו זיין ברויכט מען פֿיער זאַכען: איין ווייכעם הארץ, אַ פֿיינעם אויג, אַ לייכטע האַנד און אימער אַ פֿריש געוואַשענע פּינזעל.

(פֿייערבאַך).

* * *

איך האָב דרייערליי פֿריינד: פֿריינד, וועלכע ליעבען מיך, פֿריינד, וועלכע קימערען זיך נישט וועגען מיר, און פֿריינד, וועלכע האסען מיך.

* * *

זיעבען פֿריינד ברענגען אונז נישט אַזוי פֿיעל נוטצען, וויפֿיעל איין פֿיינד—שאָדען.

(לאַמאָט).

* * *

ווילסטו איינער זאָל דיך ליעב האָבען, פֿאָדער נישט פֿון איהם צו פֿיעל.

(קאָצעבו).

צווייפֿעל איז די שולע פֿון וואַרהייט.

(בעקאָן).

* * *

ווער עס וויל עטוואָס געניי ערגרינדען, מוז ער עס פֿריהער גרינדליך בעצווייפֿלען.

(אַריסטאָ).

* * *

דער צווייפֿעל דאַרף שטרעבען צו זעלבסט־פֿערניכטונג, אום צו רעטען די וואַרהייט.

(פיערמאָן).

* * *

די אונוויסענהייט בעשטעטיגט אָדער לייקענט אָב, די וויסענשאַפֿט אָבער צווייפֿעלט.

* * *

מיט צווייפֿעל איז לייכטער אָנצושטעקען, אַלס מיט גלויבען.

(אַנדרייעוו).

* * *

צווייפֿעל איז דער אָנפֿאַנג פֿון חכמה.

(אריסטאָ).

* * *

צווייפֿעל פֿערניכטעט אַלעס, און אויך זיך זעלבסט.

(וואָלטער).

* * *

ווען מיר זאָלען נישט האָבען קיין צווייפֿעלהאַפֿטעס, וואָלטען מיר אויך נישט געהאַט קיין געוויסעס.

(געטהע).

* * *

ערפֿאַהרונג איז אַ שולע, וואו די לעקציעס קאָסטען טהייער, נור דאָס איז אָבער די איינציגע שולע, וואו מען קען עטוואָס ערלערנען.

(פֿראַנקלין).

* * *

איין ערפֿאַהרונג איז וויכטיגער אַלס זיעבען רעגעלן פֿון געלעהרטע.

(מיידאַני).

* * *

אייגענע בעטראַכטונגען לערנען אונז מעהר, ווי אַלע פֿאָרלעזונגען.

(אַלכסנדר פֿון הומבאָלד).

* * *

געוואָהנהייט איז אַ צווייטע נאַטור.

(ציצעראָ).

* * *

געוואָהנהייט איז דער פֿערשטאַנד פֿון די נאַראָנים.

(פֿרידריך דער גרויסער).

* * *

די בעסטע געוואָהנהייט איז נישט האָבען קיינע געוואָהנהייטען.

(דעקורסעל).

* * *

די נאַטור גיט אונז נייגונגען, די ערציהונג שטעלט זיי ענטגעגען געוואָהנהייטען.

(בואַסט).

* * *

די נאַטור קען, ווי אַ גרויסער פּאָעט, מאַכען מיט די קלענסטע מיטלען די גרעסטע עפֿעקטען. די נאַטור בעזיצט נור זון, ביימער, בלומען, וואַסער און ליעבע; פֿאַר יענעם אָבער, וועלכער פֿיהלט אין זיין האַרץ קיין ליעבע, האָט אַלעס איבריגע קיין פּאָעטישען ווערטה; פֿאַר איהם האָט די זון נור אַ געוויסע צאָהל מייל און דורכשניט, די ביימער זענען גוט אויף הייצונג, די בלומען טהיילען זיך אין קלאַסען און דאָס וואַסער איז פֿייכט.

(היינע).

* * *

דאָס, וואָס איז געגען דער נאַטור, פֿיהרט קיינמאָל נישט צום גוטען.

(שילער).

* * *

יעדער נייער וואונש איז אַנ'אָנפֿאַנג פֿון אַ נייער ענטוויקלונג, פֿון אַ נייעם שמערץ.

(וואָלטער).

* * *

מען דאַרף נור שטאַרק ווינשען, אום אַלעס מעגליכעס צו ערגרייכען.

(איבסען).

* * *

ווייל איהר קענט נישט טהון אַלעס, וואָס איהר ווינשט, טאָ ווינשט צו טהון אַלעס, וואָס איהר קענט.

(טערענציוס).

* * *

ווען אַלע מענשליכע ווינשען וואָלטען ערפֿילט געוואָרען, וואָלט געוואָרען די וועלט אַ גיהנם.

(בואסט).

* * *

דער מענש ווינשט אַם ליעבסטען דאָס, וואָס איז פֿאַר איהם אונערגרייכבאַר.

(דייטשעס שפּריכוואָרט).

* * *

דאָס, וואָס מען טהוט נישט גערן, איז אַלעמאָל שווער.

(בואסט).

* * *

וואָס גרעסער די שוועריגקייטען, איז שטאַרקער דער וואונש.

* * *

מיר געהען גלייכגילטיג פֿערביי דעם אָפֿענעם גאָרטען, מיר בעדויערען ערשט, ווען ער איז פֿערמאַכט.

(קעללער).

* * *

האָפנונג איז די צווייטע זעעלע פון'ם אונגליקליכען.

(געטהע).

* * *

וואָס איז דאָס לעצטע אינ'ם לעבען ?—האָפנונג !

(דיאָגענעס).

* * *

עס לעבען נור די האָפענדע.

(האַלם).

* * *

פון וואָס מען איז זיך נישט מיאש, דאָס פערליערט מען נישט.

(שילער).

* * *

ווער עס גלויבט נישט אין גליק, קאָן אויך נישט זיין גליקליך.

(טאָלסטאָי).

* * *

ס'איז נישטאָ אזאַ צושטאַנד, אין וועלכען דער מענש זאָל זיך נישט קענען פיהלען גליקליך.

(טאָלסטאָי).

* * *

דעם מענשענס גליק איז זיין רצון.

(שילער).

* * *

זוכענדיג גליק פאַר אַנדערע, געפינען מיר אָפט אונזער אייגענעם.

(פלאַטאָן).

* * *

די גליקליכע זענען רייך, אָבער נישט אַלע רייכע זענען גליקליך.

(האַלם).

* * *

גליק און אונגליק זענען אַבהענגיג פֿונ'ם חאַראַקטער נישט ווייניגער ווי פֿונ'ם שיקזאַל.

(לאַראָשפֿוקאָ).

* * *

אָפֿט געהען מיר ווייט זוכען דאָס, וואָס מיר האָבען ביי זיך אין דערהיים.

(וואָלטער).

* * *

גליקליך זיין איז נישט אַזוי שווער ווי מען רעכענט, נור דאָס, וואָס יעדער וויל זיין גליקליכער פֿאַר'ן צווייטען, אָט דאַרין בעשטעהט די גאַנצע שווערקייט.

* * *

גליקליך איז נישט דעריעניגע, וועלכער האָט דאָס, וואָס ער ווינשט, נור דעריעניגע, וועלכער ווינשט נישט, דאָס, וואָס ער האָט נישט.

(פֿאָן אויסאָניוס).

* * *

יענער, וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געפּרובט געוואָרען מיט גליק אָדער אומגליק, איז ווי אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געטראָפֿען מיט'ן שונא.

(קלינגער).

* * *

ווי אַזוי קענען אַלע זיין גליקליך, ווען יעדער וויל זיין העכער פֿאַר'ן צווייטען.

(גאָרקי).

* * *

די יסודות פֿונ'ם גליק זענען: פֿאַמיליען-לעבען, פֿיזישע אַרבייט, צוזאַמען-לעבען מיט דער נאַטור.

(טאָלסטאָי).

* * *

האַלט נישט פאַר גליקליך דעם, וועלכער העננט אָב פון׳ם גליק.

(סענעקא).

* * *

דאָס גליק האָט נאָך קיינעם נישט געשטעלט אזוי הויך, דאָס ער זאָל זיך נישט נויטיגען אין אַנדערע.

(סענעקאָ).

* * *

גליק איז ווי געזונדהייט, ווען מען בעמערקט עס נישט איז עס דאָ.

(טורגעניעוו).

* * *

אום צו זיין גליקליך דאַרף מען האָבען אַ געזונדען מאָגען, אַ שלעכט האַרץ, און אין גאַנצען נישט האָבען קיין געוויסען.

(דידראָ).

* * *

זיין קלוג אינ׳ם גליק, הייסט — קענען געהן אויף אייז.

(סאָקראַטעס).

* * *

גליק געווינט פריינד, אונגליק פרובט זיי.

(פלעשיע).

* * *

גליק וויל יעדער, אָבער נישט יעדער וויים, ווי עס אויסצונוטצען.

(אָקסענשטיערן).

* * *

עס גיעבט אַמאָל דאָס גליק צו פיעל, גענוג קיינמאָל נישט.

(פסיידאָ פובליליוס).

* * *

אָהן זעלבסט-אַכטונג-געפיהל קען מען נישט גליקליך זיין.

(זשאַן-זשאַק רוסאָ).

* * *

גליק איז שטענדיג אויף די זייט פון די דרייסטע.

(רעטוש).

* * *

אַנ'אונגליק קומט קיינמאָל נישט אַליין.

(היינע).

* * *

גרויס קען מען זיין אויך אינ'ם גליק, ערהאַבען אָבער נור אינ'ם אונגליק,

(שילער).

* * *

די מענשען זענען דאַריבער אונגליקליך, ווייל זיי האַלטען זיך פיר פעהיגער, ווי זיי זענען.

(גאָרקי).

* * *

איין אונגליק לעהרנט אויס מעהר, אַלס טויזענד עצות.

* * *

דער פערשטאַנד טראגט אַריבער אַנ'אונגליק, דער מוטה בעקעמפפט עס, די געדולד בעזיעגט עס.

(מאַד. דע סעוויניע).

* * *

דער וואָס געהט אַרויף קען זיך אָבשטעלען, דער, וואָס פאַלט אַראָב—נישט.

(נאַפּאָלעאָן).

* * *

דער מענש איז דאָפּעלט אונגליקליך, ווען ער האָט דאָס אונגליק פערדיענט.

(בואסט).

* * *

אָרעמקייט פיהרט אָפט צו שטאָלץ.

(מאַרמאָנטעל).

* * *

די איבערטריעבענע שילדערונג פֿון די פֿאַלשע אונגליקען אין די ראמאַנען מאַכען דעם מענשען אונפֿיהלבאַר צו די ווירקליכע אינ'ם לעבען.

(בואסט).

* * *

נור דער גליקליכער קומט אינ'ם גן-עדן; דער אונגליקליכער איז אויף ביידע וועלטען אונגליקליך.

(בערנע).

* * *

אָרעם איז נור דער, וועלכער האַלט זיך פֿאַר אָרעם.

(סענעקאַ).

* * *

דאָס אָרעמקייט געפֿינט נור וואָהלטהעטער אָבער קיינע פֿריינד.

(קאָטצעבו).

* * *

אָרעמקייט איז די איינציגע משא, וועלכע ווערט שווערער, וואָס מעהר מענשען עס טראגען זי.

(זשאַן פאול).

* * *

לייכטער איז טראגען אַן'אָנגעפּאַקטען געלד-זאַק, ווי אַ ליידיגע בעטלער-טאָרבע.

(זאפיר).

* * *

אָרעמקייט איז נור פֿאַר דעם שווער, וועלכער האָט פֿאַר איהר מורא.

(סענעקאַ).

* * *

אָרעמקייט איז נישט קיין זינד, עס ברענגט נור צו זינד.

(רוסישעס שפריכוואָרט).

* * *

אַ געזונטער אָרעמאַן איז גליקליכער פאר אַ קראנקען קייזער.

(שאָפּענהויער).

❋ ❋ ❋

דאָס אמת'ע רייכקייט בעשטעהט נישט אין דעם פיעלען פערדיענען, אַלס אין דעם פערשטענדיגען אויסגעבען.

(נאַפּאָלעאָן).

❋ ❋ ❋

ליעבער איז אַ מענש אָהן רייכקייט, אַלס רייכקייט אָהן אַ מענשען.

(באָקאַטשיא).

❋ ❋ ❋

עס גיעבט פיעל מענשען, וועלכע פעראַכטען דאָס רייכ-קייט, וועניג אָבער, וועלכע ווילען עס אַוועקגעבען.

(לאַראָשפוקאָ).

❋ ❋ *

מען שענקט ליעבער דעם רייכען, ווי מען באָרגט דעם אָרעמען.

(פּמיסען).

❋ ❋ ❋

די רייכע זענען איבערזעטיגט, אָבער נישט זאַט.

(בואסט).

❋ ❋ ❋

וועניג האָט אַנ'אָרעמאַן פריינד, וועניגער אָבער האָט אַ רייכער פריינד.

(מיידאַני).

❋ ❋ *

שווער איז זיך בענוגענען מיט וועניג, פיעל שווערער אָבער— מיט פיעל.

(עשענבאַך).

❋ ❋ ❋

אַ שטאַרקער מענש איז דער, וועלכער האָט אַ שטאַרקע ווילענס-קראַפט.

(זשאַן זשאַק רוסאָ).

❋ ❋ *

דער שטאַרקערער איז שטענדיג גערעכט.
(פיערמאָן).

* * *

קראַפט איז העכער פאַר רעכט.
(ביסמאַרק).

* * *

דעם מענשען איז געגעבען געוואָרען די קראַפט צו פער-טהיידיגען זיין פערמעגען, אָבער נישט צוצונעהמען יענעמס.
(באָסיוע).

* * *

פעראייניגט—ווערען אויך שוואַכע—שטאַרק.
(שילער).

* * *

ווען אַ שוואַכער מענש רעדט מיט זיך זעלבסט, בענוצט ער אָפט שטאַרקע אויסדריקען.
(טורגעניעוו).

* * *

נישט דעריבער פאַלט מען, ווייל מען איז שוואַך, נור דעריבער, וואָס מען בילדעט זיך איין, אַז מען איז שטאַרק.
(מאָנזשען).

* * *

ווער עס קאָן זיך פרעהען היינט, זאָל עס נישט אָבלעגען אויף מאָרגען.

* * *

דער מענש קען שטיל פערטראגען לייד, אָבער נישט פרייד.
(געטהע).

* * *

זיך איבערמעסיג פרעהען, אויך איבערמעסיג טרויערען זענען נישט פאַסענד פאַר אַ דענקענדען מענשען.
(זשאן זשאַק רוסאָ).

* * *

אַ פערגעניגען ווערט אָבגעשאַצט נאָך דער ערגינערונג, וועלכע עס לאָזט ביי אונז איבער.

(זשאַן פאול).

* * *

אָפט גיבען מיר אַוועק אונזער עהרע פאַר אַ געוויסען צייכען פון עהרע.

(יאַקאָבס).

* * *

שענדליכער איז פערליערען עהרע, אַלס זי איינגאַנצען נישט בעזיצען.

(פליניוס).

* * *

די מענשען ווערען געבוירען עהרליכע און שטאַרבען שווינדלער.

(וואָווענאַרג).

* * *

אינ'ם לעבען עהרליך זיין, הייסט עס — זיין אויסגעקליעבען פון צעהן טויזענד.

(שעקספיער).

* * *

אויך רויבער זענען געהאָרכזאַם די געזעצען פון עהרליכקייט ביים פונאַנדערטהיילען דעם רויב.

* * *

פאַרהאַן עהרליכע לייט, וועלכע זענען נור דאַרום עהרליך, ווייל זיי האָבען נישט קיין שכל אונעהרליך צו זיין.

(דאָסטאָיעווסקי).

* * *

עהרענליעבע איז נור דאַן אַ חסרון, ווען דער מענש איז נישט אימשטאַנד זי צו בעפריעדיגען.

(טאָלסטאָי).

* * *

פֿאַרהאָז מענשען, וועלכע זענען גלייך צו די קליינע מאָדע געשעפֿטען, וואו די גאַנצע סחורה איז אויסגעהאַנגען אינ'ם שוי-פֿענסטער.

(אויערבאַך).

* * *

ווער עס עפֿענט זיין האַרץ פֿאַר עהרענליעבע, פֿערמאַכט עס פֿאַר רוהע.

(חינעזישעס שפּריכוואָרט).

* * *

דער אַממייסטען אונהיילבאַרע שמערץ איז דער אַיינגע-בילדעטער.

(עשענבאַך).

* * *

אַ קליינער שמערץ היילט זיך דורך אַ גרעסערען.

(שעקספּיער).

* * *

עס איז נישטאָ אַזאַ שמערץ, נישט אַזעלכע ליידען, קער-פּערליכע אָדער גייסטליכע, וועלכע די צייט זאָל נישט אָב-שוואַכען און דער טויט אויסהיילען.

(סערוואַנטעס).

* * *

נויטה ווירקט אויף דעם מענשהייט מעהר פֿון אַלע וויסענ-שאַפֿטען.

(וואָלטער).

* * *

נויטה איז אונזער זעקסטער חוש, וועלכער געוועלטיגט אָפֿט איבער אַלע אַנדערע.

(זאַפֿיר).

* * *

שטאַרק איז דאָס געזעץ, שטאַרקער אָבער די נויטה.

(געטהע).

* * *

ווער עס קאָן אַממייסטעןליידען, קאָן אויך אַממייסטען ווירקען.

(מילטאָן).

* * *

גרויסע מענשען פֿערטראָגען ליידען שווייגענד.

(שילער).

* * *

נישט וויסען פֿון שמערץ, הייסט—נישט זיין אַ מענש.

(טערקיש. שפּריכוואָרט)

* * *

אַ האַרץ בעדאַרף אַ צווייטעס האַרץ, געטהיילטע פֿרייד— איז דאָפּעלע פֿרייד, געטהיילטער שמערץ איז אַ האַלבער שמערץ.

(טיעדגע).

* * *

אַ נאַר איז דער שקלאַף פֿון זיין האַרץ, אַ קלוגער — זיין הערר.

(מיידאַני).

* * *

אַ ווייבע האַרץ ווערט שנעלער אָבגעקיהלט; אויל פֿריערט שנעלער ווי וואַסער.

(אויערבאַך).

* * *

דער פֿערשטאַנד פֿון אַ פֿרוי געהאָרכט דעם האַרצען, דאָס האַרץ פֿון אַ מאַנספּערזאָן—דעם פֿערשטאַנד.

(ליידי בלעסינגטאָן).

* * *

ווילסטו דיך זעלבסט דערקענען, זעה, וויאָס אַנדערע טהוען, ווילסטו אַנדערע דערקענען, בליק אין דיין אייגען האַרץ.

(שילער).

* * *

דעם מענשען דאַרף מען עהרען נאָך זיין האַרץ און נישט נאָך זיין מיינונג.

(שילער).

* * *

וויפיעל דו ווילסט בעקומען, אַזוי פיעל מוזט דו געבען, ווילסטו א גאַנצעס האַרץ, גיב אַ גאַנצעס לעבען.

(ריקערט).

* * *

דאָס געזיכט שיינט נור ביי דעם, ביי וועמען דאָס האַרץ איז ריין.

(צעלטישעס שפריכוואָרט).

* * *

די נייגונג פונ'ם האַרצען איז די שטימע פונ'ם שיקזאַל.

(שילער).

* * *

דאָס גרויסקייט פון אַ מענשען געפינט זיך אין זיין האַרץ און נישט אין זיין קאָפּ.

(בואסט).

* * *

דער ערשטער טריט צום גוטען איז נישט טהון קיין שלעכטעס.

(זשאַן זשאַק רוסאָ).

* * *

זובענדיג דאָס בעסערע פערליערען מיר אָפט דאָס גוטע.

(שעקספיער).

* * *

ווער עס ווערט פונ'ם גוטען נישט ענטציקט, דער איז נישט פעהיג גוטעס צו שאַפען.

(ליוורי).

* * *

צו טהון גוטעס מוז מען האבען פערשטאַנד; נאַראַנים זענען דאַצו נישט פעהיג.

(מאַד. דע פאמפאדור).

* * *

אַ שונא דאַרפֿט איהר זאָגען און ניט אַ רשע, אַ קראַנ־קער און נישט אַ שווינדלער, אַ נאַר און ניט אַ זינדער.

(ניטצשע).

* * *

גוטעס און שלעכטעס זענען צוויי טייבען, וועלכע האָבען אַזוי גוט אויסגעמישט זייערע וואַסערען, דאָס עס איז אונ־מעגליך זיי צו צוטהיילען.

(בואַסט).

* * *

מאָראַליסטען! קלעבט אָן אויפֿשריפֿטען אויף דאָס גוטע און אויף דאָס שלעכטע, כדי די קינדער און דער המון זאָלען זיי קענען אונטערשיידען.

(פיטאַגאָראַס).

* * *

אַ גוטער מענש איז 792 מאָל גליקליכער פֿאַר אַ שלעכטען.

(פלאַטאָן).

* * *

פֿיעל וועניגער שלעכטעס וואָלט געווען אויף דער וועלט, ווען עס זאָלט נישט געשעהען אונטער דער מאַסקע פֿונ'ם גוטען.

(עשענבאַך).

* * *

זיך פֿעררופֿען אויף שלעכטע טהאַטען פֿון אַנדערע, הייסט —זיך אָבוואַשען מיט בלאָטע.

(פטיסען).

* * *

גערעכטיגקייט געפֿינט מען נור אויף דער סצענע, אויף דער וועלט הערשט נור דער שיין פֿון גערעכטיגקייט.

(שילער).

* * *

איבערמעסיגע גערעכטיגקייט איז דאָס זעלבע, וואָס אונ־גערעכטיגקייט.

(ציצעראָ).

* * *

דעם מענשען איז נאָרנישט אַזוי אומעדיג צו זיצען אין געפּענגעניש, ווען זיין גערעכטיגקייט זיצט מיט איהם מיט.
(לאַטייניש שפּריכוואָרט).

* * *

גערעכטיגקייט אָהן קראַפט איז אָהנמעכטיג, קראַפט אָהן גערעכטיגקייט—טיראַניע.
(פּאסקאַל).

* * *

ווער עס קאָן נישט פערליידען קיין אונגערעכטיגקייט, טאָר נישט אַרויסקוקען דורכ'ן פענסטער, און דאַרף האַלטען זיין טיר פערמאַכט, און זיינע שפּיעגלען פערדעקט.
(זיימע).

* * *

אַכטע דיך זעלבסט, ווען דו ווילסט פון אַנדערע געאַכטעט ווערען.
(לאַטייניש. שפּריכוואָרט).

* * *

מען ווערט גיכער מיעד פון ליידיג-געהן, אַלס פון אַרבייטען.
(וואָווענאַרג).

* * *

קליינע נאָדעל שפּייזט אַ גרויסע פאַמיליע.

* * *

אַרבייט איז דער פאָטער פון'ם הונגער, דער זיידע פון דער פערדוויאונג, דער עלטער-זיידע פון דער געזונדהייט.
(זאַפיר).

* * *

ווען אַ פֿוילער וויל זיך פערטהיידיגען דורך רעליגיע, דאַרף ער זיין, שבת—אַ יוד, זונטאַג—אַ קריסט, מאָנטאג —א גרעק דיענסטאָג—א פערסיאנער, מיטוואָך—אנ'אסיריער, דאָנערשטאג —אַנ'עגיפּטער און פרייטאָג—א טערק.
(זאַפיר).

* * *

צווייטער טהייל.

געדאנקען וועגען ליעבע, הייראטה, און פרויען.

דאָס איינציגע מיטעל צו בעקעמפּפען ליעבע איז—פון איהר צו ענטלויפען.

(סערוואַנטעס).

* * *

דער האַס איז פּאַרטייאיש, די ליעבע נאָך מעהר.

(געטהע).

* * *

ליעבע איז דער גאָלדענער לייטער, אויף וועלכען דאָס האַרץ שטייגט צום הימעל.

(גייבעל).

* * *

עס איז שווער צו ליעבען אַ פרוי און זיך מיט עפּעס בעשעפטיגען.

(טאָלסטאָי).

* * *

ליעבע איז פאר אַ פרויענצימער—לעבען, פאַר אַ מאַנס-פערזאָן—אַנ׳עפּיזאָד פוּג׳ם לעבען.

(זשאַן פאול).

* * *

דאָס ליידען פון ליעבע איז צו זיס, אום צו זוכען דאַצו אַ מיטעל. און ווען מען זוכט, איז שוין געוועהנליך צו שפעט.

(וויעלאַנד).

* * *

אין דער יוגענד לעבען מיר פאַר די ליעבע, אויף דער עלטער ליעבען מיר פאַר דאָס לעבען.

(עוורעמאָן).

* * *

ווענען וואַהרע ליעבע און גליק קאָן מען זאָגען דאָס זעלבע, וואָס ווענען שדים; אַלע רעדען ווענען זיי און געזעהען האָט זיי נאָך קיינער נישט.

(לאַראָשפוקאָ).

* * *

אַם שטאַרקסטען וואַקסט די ליעבע, וועלכע איז בעגאָסען מיט צושיידונגס-טרעהרען.

(פיערמאָן).

* * *

ליעבע אָהן שרעק און האָפנונג איז, ווי אַ לאָמפּ אָהן פייער און נאַפט.

* * *

ליעבע איז אַ בעוואָפענטער פריעדען, הייראַטה—אַנ'-ענטוואָפענטער קריעג.

(זאַפיר).

* * *

ליעבע איז אַ שליסעל צו אַ פרויענ-האַרץ, נור דער געליעבטער פערגעסט אָפט צו פערמאַכען נאָך זיך די טיר און דאַן בלייבט עס אָפען פאַר אַלעמען.

(זאַפיר).

* * *

ביי ליעבע איז, ווי ביי אַ ליעד, שווער נור דריי זאַכען: דער אָנפאַנג, די פאָרטזעצונג און די ענדע.

(זאַפיר).

* * *

ליעבע מאַכט פונ'ם קליגסטען מאַנספערזאָן אַ נאַר, און פון דאָס נאַרישסטע פרויענצימער—אַ קלוגע.

(זאַפיר).

* * *

ליעבע ביי מאַנספערזאנען האָט, ווי אַ מאַגנעט, די שטאַרקסטע אַנציהונגס-קראַפט נור דאַן, ווען זי איז פעראייניגט מיט אַ מעטאַל.

(זאַפיר).

* * *

די וואָהרע ליעבע בלייבט אימער די זעלבע, סיי מען פערשאַפט איהר אַלעס, סיי מען ענטזאַגט איהר אַלעס.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

אַ געליעבטע איז מילך, אַ כלה—פוטער, אַ ווייב קעז.

(בערנע).

❊ ❊ ❊

ליעבע איז אַ קראַנקהייט, וועלכע מען קען לייכט אויסהיילען.

(גאָרקי).

❊ ❊ ❊

די פרויען ליעבען אימער דעם, וועלכער האַסט זיי, און האַסען דעם, וועלכער ליעבט זיי.

(סערוואַנטעס).

❊ ❊ ❊

ליעבע, פייער און אַ הוסט קאָן מען נישט בעהאַלטען.

(איטאַליעניש שפריכוואָרט).

❊ * ❊

נייסטעס-שעהנהייט רופט אַרויס פערוואונדערונג, זעעלענ-שעהנהייט—אַכטונג, קערפער-שעהנהייט—ליעבע.

(זאַפיר).

❊ ❊ ❊

אייפערזוכט ענטהאַלט איין חלק ליעבע און ניין און נײנציג חלקים אייגענליעבע.

(לאַראָשפוקאָ).

❊ ❊ ❊

ליעבע פון אַנ'אייפערזיכטיגען איז מעהר ענהליך צו האַס.

(מאָליער).

❊ ❊ ❊

ליעבע זוכט רויזען, אייפערזוכט—דערנער.

❊ ❊ *

הייראטה איז אַ קבר פאַר די פרייהייט.

(סען קריזאָסטאָם).

* * *

די בעציהונג פון אַ מאַן צום ווייב איז, ווי די בעציהונג פון פהילאָזאָפיע צו פּאָעזיע.

(זאַפיר).

* * *

ליעבע אָהן הייראטה איז פאַר אַ פרויענצימער בעקוועמער, ווי הייראטה אָהן ליעבע.

(לעפלער).

* * *

אויף די פראַגע, ווען מען זאָל הייראטהען? האָט אַ קלוגער אַמאָל געענטפערט: „אין דער יוגענד איז צו פריה, אויף דער עלטער—צו שפּעט".

(בעקאָן).

* * *

ווען דו ביסט צו גליקליך—הייראטהע.

(אַלטעס שפּריכוואָרט).

* * *

הייראטה איז ווי אַ בעלאַגערטע פעסטונג; ווער עס איז פון דרויסען, וויל אַריינגעהן, ווער עס איז אינוועניג, וויל זיך אַרויסרייסען.

(אַראַביש שפּריכוואָרט).

* * *

אין ליעבע פערליערט מען דעם שכל, אין הייראטה בעמערקט מען דעם פערלוסט.

(זאַפיר).

* * *

הייראטה איז אַנ'אומגעקעהרטעס פיעבער, עס פאַנגט זיך אָן מיט היץ און ענדיגט זיך מיט קעלט.

(היפּאָקראַטעס).

* * *

ווען דו ווילסט עפּעס טהון, פרעג אַנ'עצה ביי דיין ווייב און טהו פערקעהרט.

(חארון אל ראשיד).

* * *

מחמד זאָגט, אַז ווייבער וועלען נישט קומען אין גן-עדן. ער איז געווען זיכער, דאָס פון גן־עדן וואָלט געוואָרען אַ גיהנם. ווען יעדער וואָלט דאָרט געטראָפען זיין ווייב.

(היינע).

* * *

הייראטה איז אַ לאָטעריי, יעדער האָפט אויפ'ן גרעסטען געווינס.

(בואסט).

* * *

הייראַטהען צוליעב געלד איז נישט קיין הייראטה, נור אַ האַנדעל.

(עוורעמאָן).

* * *

אָדם הראשון איז געווען דער גליקליכסטער מאַן איבער די בילינקייט פונ'ם דאַמענ-טואַלעט, וועלכער איז געוואַקסען אויף אַ פייגענ-בוים.

(זאפיר).

* * *

האָכצייטס-מוזיק דערמאָהנט מיך אימער אָן די מוזיק, וועלכע ווערט געשפיעלט פאר די סאָלדאַטען וואָס געהען אינ'ם שלאַכט-פעלד.

(היינע).

* * *

הייראטהען נור צוליעב שענהייט הייסט קויפען גיטער, און פעלדער צוליעב רויזען.

(קאָטצעבו).

* * *

אַלע פרויען זענען גוט, נור נישט ביי זיך אין דער היים.

(טאַציטוס).

* * *

ערוואַרטעט נישט קיין פריינדליכען עמפפאַנג פון אַ פרוי וועלכע איז נישט צופריעדען פון איהר טואַלעט.

(בואַסט).

❊ ❊
*

פרויען האָבען נור איין מיטעל צו מאַכען אונז גליקליך און דרייסיג טויזענד מיטלען צו מאַכען אונז אומגליקליך.

(היינע).

❊ ❊
❊

ווען אַ פרוי שטעהט אין שפיץ פון אַ רעגיערונג, מוז די רעגיערונג אונטערגעהן.

(נאַפּאָלעאָן).

❊ ❊
❊

די שווערסטע זאַך פאַר אַ פרוי איז—וועלען געפעלען נור איינעם.

❊ ❊
*

איהר מעגט זאָגען אַ פרוי וואָס איהר ווילט: איהר מעגט זי זאָגאר בעליידיגען אָדער גוט אויסזידלען — זי וועט אייך אַלעס פערצייהען; נור קוים וועט איהר זאָגען, אַז זי איז נישט שעהן, וועט זי אייך בלייבען אַנ׳אייביגער שונא.

(פאָל דע קאָק).

❊ ❊
❊

צווישען דעם „יאַ" און דעם „ניין" פון אַ פרוי איז נישטאָ קיין פלאַץ אפילו פאַר די קלענסטע נאָדעל.

(סערוואַנטעס).

❊ ❊
*

די וועלט גלויבט נישט אין די גערעכטיגקייט פון אַ פרוי, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַנ׳אַנדער פרוי.

(שילער).

* ❊
❊

ווען אַ מאַנספערזאָן דאַרף געהן צו אַ וויכטיגער פערזאָן פרעגט ער: וואָס זאָל איך רעדען?" אַ פרוי אָבער פרעגט „וואָס זאָל איך אָנטהון?".

(מאַדאַם דע פּואיסיע).

❊ ❊
❊

ליעבער איז צו פרעגען אַנ'אַלטען מאַן, ווען ער וועט שטאַרבען, ווי צו פרעגען אַ פרויענצימער, ווען זי איז געבוירען געוואָרען.

(לאַבריער).

* * *

מאַנספערזאָנען האָבען נישט שטענדיג ליעב יענעם, וועמען זיי אַכטען, פרויען אבער אַכטען נור דעם, וועמען זיי ליעבען.

(דיובע).

* * *

ווען מאַנספערזאָנען קומען זיך צוזאַמען, הערען זיי אויס איינער דעם צווייטען, ווען פרויענצימער קומען זיך צוזאַמען, קוקען זיי אָן איינע די צווייטע.

(חינעזיש. שפריכוואָרט).

* * *

אַ שעהנע פרוי איז, ווי אַ גוט אָבגעשליפענעם גלעזעל, וועלכעס ווערט פערטונקעלט פונ'ם קלענסטען רויך.

(סערוואנטעס).

* * *

דער אַלמעכטיגער גאָט פון די פרויען איז די מאָדע.

(אָקסענשטירן).

* * *

די גרעסטע פיינד פון פרויען זענען די פרויען.

(דיקלאָ).

* * *

דער שפיעגעל איז דאָס געוויסען פון די פרויען, זיי טהוען קיין זאַך, נישט אָנפרעגענדיג זיך דאָס דאָזיגע געוויסען.

(זאפיר).

* * *

מאַנספערזאָנען מאַכען אונגליקליך אויס האַס, פרויען — אויס ליעבע.

(זאפיר).

* * *

מאַנספערזאָנען שלאָפען ווענינער ווי פרויען, ווייל זיי קלערען איבער וועגען דעם אונגליק, וואָס אָדם הראשון האָט געהאַט אין שלאָף.

(זאַפיר).

* ❊ *

ווער עס ענטדעקט זיין געהיימנים א פרוי, גיבט אַריין זיין וויין אין א זופּ.

(אַראַביש. שפריכוואָרט).

❊ ❊ ❊

דער נאַטור איז געפעלען געוואָרען אַזוי איינצוריכטען, דאָס עס איז גלייך שווער זיך צו בעגעהן אָהן פרויען, ווי מיט פרויען.

(מעטעלוס).

❊ ❊ ❊

אַ פרוי איז ווי אַ שאָטען: געהט איהר איהר נאָך, ענטלויפט זי פון אייך, געהט איהר פון איהר אַוועק, לויפט זי אייך נאָך.

(אַלפרעד מיסע).

❊ * ❊

נור דעריעניגער פערדיענט געפעלינקייט פון פרויען, וועלכער ווייס זיי שטאַרק צו שעצען.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

די נאַטור האָט געגעבען דעם אָקס הערנער, דעם פערדקאָפיטעס, דעם האָז־פלינקייט אין די פיס, דעם לייב צייהנער, דעם מאַנספערזאָן—פערשטאַנד, דער פרוי אָבער—שענהייט.

(אנאַקרעאָן).

❊ ❊ ❊

ניטצשע רעכענט אוים פיער טיפען פרויען: אַ טיפ פון אַ קאַץ, אַ טיפ פון אַ פויגעל און אַ טיפ פון אַ קוה, און איין טיפ—פון אַנ׳ענגעל.

(קראַטשקאָווסקי).

❊ ❊ ❊

און איך פיהל, דאס בלויז קלייניגקייטען מאַכען אויס דעם סך-הכל פון אונזער לעבען.

(דיקענס).

❊ ❊ ❊

ווער עס ליעבט ניט ווייב, ווייך און געזאנג, בלייבט אַ נאַרר זיין לעבען לאַנג. אמת, אָבער ווער עס ליעבט ווייבער, ווערט אַ נאַרר. די זינגער האָבען אויך זעהר פיעל מיאוסע פעהלערען. און דער וויין? נו דאס איז דאך יעדען בעקאַנט, פיהרט אַראָב זיינע לייט פון פערשטאַנד.

(שטרויס).

❊ ❊ ❊

דאס לעבען איז קיין ביטערער קוועלל, אויך ניט קיין זיסער חלום, עס איז ניט מעהר און ניט וועניגער אלס אַנ'אר-בייט, אַ האַרטע און מאנכעס מאָל זאָגאַר אַנ'אונפריינדליכע אַרבייט.

(פרענצעל).

❊ ❊ ❊

איינס פון די זאַכען: ענטוועדער גאט אַליין וויל בעזייטי-גען דאס שלעכטע פון דער וועלט, און ער קען עס ניט, אָדער ער קען עס יאָ, נאָר ער וויל ניט, אדער ער קען עס ניט און וויל עס ניט, אָדער ער וויל עס און קען עס. וויל ער און קען ער עס ניט, איז ער דאָך אונמעכטיג, און דאס איז עפעס ניט צו גלויבען. קאן ער עס, נאָר ער וויל ניט, הייסט דאס אַ שלעכטעס פון איהם אַליין, און דאס איז עפעס אויך אויף איהם ניט צו גלויבען. וויל ער ניט און קען ער ניט, איז ער אי בייז אי אונמעכטיג, גלויבט זיך ווייעדער ניט. קען ער און וויל ער — און דאס מוסס מען איהם צוגעבען — דאָ פרעגט זיך: ווי זשע טאַקי נעמט זיך דאס שלעכטעס אויף דער וועלט?

(וואָלטער).

❊ ❊ ❊

דיינע אייגען קענען דיר מאַבען די וועלט דונקעל אָדער העלל, אָט אַזוי ווי דו קוקסט איהר אָן, וועט זי דיר פֿאַרקו־מען, וויינענדיג אדער לאַכענדיג.

(ריקערט).

❊ ❊ ❊

גליקליכע פּעססימיסטען! וואָס פֿיר אַ פֿריידע זיי פֿיהלען, ווען זיי קאָנען באַווייזען, דאָס עס גיבט ניט קיינע פֿריידען.

(אשענבאך).

❊ ❊ ❊

אויף דיעזער וועלט מוז מען ענטוועדער באַלד שטאַרבען, אָדער געדולדיג לעבען.

(לוטהער).

❊ ❊ ❊

די חיה זוכט זיך איהר נאַהרונג, זיא גראָבט זיך אַ לאָך אין דער ערד אָדער בויט זיך אַ נעסט, דער בלינדער אינ־סטינקט טרייבט איהר צו ערהאַלטען איהר משפּחה. זי עסט, טרינקט, שלאָפֿט און שטאַרבט. און וואָס טהוט דער גרעסטער טהייל פֿון די מענשען דען מעהר אַלס דיא חיה?

(וויילאנד).

❊ ❊ ❊

וואָס מעהר אידיאָטישער און לייכטזיניגער דעם מענשענ׳ס חאַראַקטער איז, אַלס ערטרעגליכער איז פֿיר איהם דאָס לעבען.

(הארטמאַן).

❊ ❊ ❊

דער שווינדעל און בעטרוג איז די זעלע פֿון סאָציאַלען לעבען.

(לעאָפּארדי).

❊ ❊ ❊

וואָס מעהר און בעסער איך קען דיא מענשען, אַלס מעהר ליעב איך די הינד...

❊ ❊ ❊

די העכסטע נאטור שענהייט איז דער מענש.

(אָקען).

* * *

ווי אין דער נאַטור, אַזוי אויך אין דעם מענשען גיבט עס ניט קיינע גוטע און קיינע בייזע איינענשאפטען. דער מענש קומט רוי אין דער וועלט, און זיינע איידעלע אָדער גראָבע אייגענשאַפטען קומען דורך דעם וואָס מיר רופען קולטור.

(קארנערי).

* * *

אין דאָס געזיכט פון יעדען מענשען שטעהט זיין געשיכטע געשריבען. זיין ליעבען און האַסען און זיין גאַנצעס וועזען. נור ניט יעדער קען עס לעזען און פערשטעהן.

(באָדענשטאַט).

* * *

דער סך הכל פונ'ם מענשען באַשטעהט פון עלטערן און אַממע, פון אָרט און צייט, פון לופט און וועטער, פון ליכט, שפייז און קליידונג, און זיין ווילען איז דיא נויטווענדיגסטע פאָלגע פון דיזע אורזאַכען.

(מאָלעשאָט).

* * *

ווער דיא מענשען עהרען וויל,
מוז אַ קרוממען רוקען האָבען.
ווער געגען מענשען זיך וועהרען וויל,
מוז געזונדע פויסטען האָבען
ווער דיא מענשען לערנען וויל,
מוז געזונדע לונגען האָבען
און ווער די מענשען בעקעהרען וויל,
זאָל זיך בעססער שנעל באַגראָבען.

(„פליעגענדע בלעטער").

* * *

איך האָב גאָר קיין חשק ניט אָנצונעהמען די טהעאָריע,
דאָס דער מענש איז געגליכען צו דער גאָרילא (מאַלפּע).

(קאַרלייל).

* * *

איך בין איבערציינגט, דאָס ווען גאָטט זאָל אמאָל בע-
שאַפען א מענשען וועלכען די פּראָפּעסאָרען און פילאָזאָפען
שטעללען זיך פאָר, וואלט מען איהם דעם ערשטען טאָג שוין
בעדאַרפט ברענגען אין א דוללהויז.

(ליכטענבערג).

* * *

עס גיבט פיר דעם מענשען דריי עראייגניסע: ענטשטעהען,
לעבען און שטאַרבען. זיין ענטשטעהען איז איהם אונבעוואוסט,
ביי'ם שטאַרבען ליידעט ער, און ער פערגעסט צו לעבען.

(לאַברייער).

* * *

די מענשהייט איז גרויס, און דיא מענשען זיינען קליין.

(בערנע).

* * *

וואו קען מען דען נאך בעססער פערברענגען ווי אין
דעם פאַמיליע קרייז?

(מאַרמאָנטעל).

* * *

איך בין גליקליך וואס איך בין ניט קיין מאַנספּערזאָן,
ווען יאַ, וואָלט איך פערפליכטעט געווען אַ ווייב צו נעהמען.

(מאַדאַם פאָן סטאַאל).

* * *

עס איז ווי די פראַנצויזען זאָגען: עס גיבט דרייערליי
געשלעכטער: מענער, פרויען און פריסטער.

(סידניי סמיטה).

* * *

איין עדלער מאַן ווערט דורך אַ גוטעס וואָרט פון אַ פרוי וייט געפיהרט.

(געטהע).

❋ ❋ ❋

אוים דער ליעבע שעפּפט די פרוי איהר עדלען כאַראַקטער. פיר דעם, ווענען זיא ליעבט, איז זיא מילד ווי א טויב, פרום ווי אַ הייליגע. פיר זיין זיכערהייט אין א געפאַר, קריגט איהר זאַנפטער געמיטה דעם שאַרפזינן פון א שלאַנג, און איהר שוואַכעס הערץ בעקומט דעם מוטה פון אַ לייב.

(בולווער).

❋ ❋ ❋

עס גיעבט מענער וועלכע שטייגען אַריבער די בערעדזאַמקייט פון ווייבערישע צונגען, אָבער קיין מאַן בעזיצט דיא בערעדזאַמקייט פון ווייבערישע אויגען.

(וועבער).

❋ ❋ ❋

א ברודער איז אַ פריינד וועלכען די נאטור האָט געגעבען.

❋ ❋ ❋

דער מאַן איז געשאַפּפען איבער דער נאטור צו געביעטען, און די פרויא איבער דעם מאַן צו רעגיערען.

(קאַנט).

❋ ❋ ❋

דריי זאַכען האָב איך איממער געליעבט און נימאַלס פערשטאַנען: די מוזיק, די מאַלעריי און די פרויען.

(פאָנטאַנעלי).

❋ ❋ ❋

מיט די פרויען איז עס ווי מיט דער פהילאָזאָפי: ווען עס דאַכט זיך אַז מען האָט זיי שוין גרינדליך שטודירט, זעהט מען ערשט לסוף אַרוים אַז מען פערשטעהט זיי ניט.

(זשאַן פאול).

❋ ❋ ❋

דאס הערץ פון אַ פרויא איז אַ טהייל פונ'ם הימעל, אָבער פונקט ווי דער הימעל געוועלב וועקסעלט עס איין טאָג און נאַכט.

(בייראָן).

* * *

אָה! ליעבע מיידלעך, ליעבע פרויען, איהר זייט אונזער אונגליק, אונזער גליק, מען שפרעכט אפילו פון אייך מיט גרויען, און דאָך קעהרט מען אימער צו אייך צוריק.

* * *

פרויען ווילען — גאָטטעס ווילען.

(פראנצויזישעס שפריכווארט).

* * *

די פרוי קוקט טיעף, דער מאַן זעהט ווייט. ביי דעם מאַן איז די וועלט דאָס הערץ, און ביי דער פרוי איז דאָס הערץ, די וועלט.

(גראבבע).

* * *

די פרויען ויינען זילבערנע שאָלען אין וועלכע מיר לעגען גאָלדענע עפּעל.

(געטהע).

* * *

צוויי מאָל האָט דער בעשעפער געמאַכט אַנ'אירטהום: ער האָט בעשאפען דאָס גאָלד און דאָס ווייב.

(אינדישעס שפריכוואָרט).

* * *

וואָס אָנבעלאַנגט די פרויען, האָט יעדער די ברירה, זיי צו קענען אָדער צו ליעבען.

(שאמפאָרט).

* * *

די פֿרוי איז אַ רייצענדער נאַטור-פֿעהלער.
(מילטאָן).

* * *

די ווייבער זיינען אַלע זאַנפֿט, אָבער נור אויסער דעם מאַנ׳ס הויז.
(קאָטצעבו).

* * *

גוטע ווייבער פֿערגינען איינם דאָס אַנדערע אַלעס, אויסער מעננער און קליידער.
(זשאַן פאול).

* * *

זייט אונדענקליכע צייטען, האָבען שעהנע פֿרויען דאָס רעכט נאַריש צו זיין.
(האַהן-האַהן)

* * *

איז איין פֿרוי העסליך, געפֿעהלט זי ניט. איז זי שעהן, געפֿעהלט זי אַנדערע. איז זי רייך, איז דער מאַן אָ־עם. איז זי אָרעם, איז זי שווער צו ערנעהרען. איז זי קלוג, וויל זי רעגיע-רען. איז זי דום, פֿערשטעהט זי ניט צו פֿאָלגען.
(היפפעל).

* * *

ריינע ליעבע מאַכט דעם טרוים פֿון לעבען צו אַ וואַרהייט.
(לאַוואַטער).

* * *

אַם שטאַרקסטען זיינען די פֿרויען דאַן, ווען זיי בעוואַפֿע-נען זיך מיט זייערע שוואַכקייטען.
(מאַדאַם דיפּאַנד).

* * *

ניט אַנדערש. דאָס גאָט האָט די פֿרוי בעשאַפֿען נור דאַרום, אום די מענער אין צאַם צו האַלטען.
(וואָלטער).

* * *

איינזאַם איז נור דער שאטען פֿון אַ מענשען, און ווער עס ווערט ניט געליעבט, פֿיהלט זיך איבעראל און צווישען אַלעמען איינזאם.

(געאָרג סאַנד).

* * *

זיעבען יאָהר האָט יעקב געדיענט לבן'ן פֿיר רחל'ן, און עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, דאָס עס זיינען נור עטליכע טעג, אַזוי שטאַרק האָט ער זי ליעב געהאַט.

(ביבעל).

* * *

דאָס ערשטע אין דער ליעבע איז, דאָס זיי מוזען זיך פֿערשטעהען איינס דאָס אַנדערע. און דאָס העכסטע איז, דאָס זיי מוזען גלויבען איינס אינ'ם אַנדערען.

(שלעגעל).

* * *

עס גיבט וועניג פֿרויען וועלכע זיינען פֿעהיג צו ליעבען דעם מאַן צוליעב זיין גאונות (זשעני). עס איז די פערזאָן אַליין און זיין ערפֿאלג וואס זיי באגעהרען.

(פֿייערבאַך).

* * *

די ליעבע פונקט ווי דאָס פֿייער מוז מען אַלע מאָל אונטערבלאזען, און ווי באלד זי הערט אויף צו פֿירכטען אָדער צו האָפֿען, שטאַרבט זי אָב.

* * *

מעג דער לעבענס־פֿאָדים פֿון אַ מענשען זיין נאָך דיקער ווי ער איז, ווייסט די ליעבע ווי פֿין איהם אַ סטרונע צו מאכען אונד איהרע פיעסען דאַרויף צו שפּיעלען.

(מענצעל).

* * *

וואונדערבאַרעס בוך פֿון אַלע ביכער
איז דאָס בוך דער ליעבע ;
אויפֿמערקזאַם האָב איך עס געלעזען :
וועניג בלעטער פֿריידען,
גאַנצע העפֿטען ליידען,
עטליכע קאַפּיטלען די שיידונג,
אַ קליין קאַפּיטעל דאָס ווידערזעהען,
און גאַנצע קאַפּיטלען פֿולל קומער
מיט ענדלאָזע, לאַנגע ערקלעהרונגען.

(געטהע).

* * *

נור דער פֿערדיענט די אַכטונג פֿון די פֿרויען, וועלכער ווייסט ווי אַם שטאַרקסטען זיי צו באַשיטצען.

(געטהע).

* * *

די ליעבע איז טיעף ווי דער ים ; וואס מעהר מען נוצט זי, אַלס נאָך מעהר בלייבט .

(שעקספיער).

* * *

די ליעבע ווען זי איז פֿריש און ניי, ברויזט זי און קאָכט ווי אַ יונגער וויין, און וואָס עלטער, קלעהרער זי ווערט, אַלס שטיללער און רוהיגער ווערט זי.

* * *

ליעבע איז אַ פֿרוכט וועלכע ווערט רייף און צייטיג פֿון זיך זעלבסט אָהן דעם זאָנענשיין.

(דושיימס).

* * *

פֿריינדשאַפֿט פֿערבינדעט נור די גלייכע, ליעבע, אָבער פֿעראייניגט אויך אונגלייכע מענשען.

* * *

ליעבע אָהן הינדערניסע און שטערונגען איז גלייך ווי אַ לאַנדשאַפט אָהנע בערג.ביידע ווערען לאַנגווייליג.

* * *

קרוין פון לעבען,
גליק אָהן רוהע,
ליעבע ביסטו!

(געטהע).

* * *

די מלאכים רופען עס הימעל-פרייד,
דער טייפעל רופט עס גיהנום-לייד,
די מענשען רופען עס... ליעבע!

(היינע).

* * *

ווילסטו ראזען אָהן דערנער, ווילסטו ליעבע אָהן ליידען? דאַן לאָז דיר די ליעבע מאָלען אויף דער וואַנד אין מיטען העללען מאי, און פערשליעס די טהיר, דאַמיט דער זיסער דופט פון דיין גאָרטען זאָל ניט אַריין שלאָגען, און פערריגעל דיינע טהירען ווען די גערטנערין רופט דיך.

(ווילהעלם מיללער).

* * *

די ליעבע קען אָפט ענטשטעהען פלוצלינג, און די עכטע נייגונג קען אויך פלוצלינג ווי דער בליטץ אויפפלאַקערן, אָבער ווער ווערט עס באַלד כאַפען און הייראַטען? ליעבע איז אידעאַליסטיש, און הייראַטען איז רעאַליסטיש. און עס מוז אַלע מאָל ארויס קומען אַ צרה, ווען מען פערוועקסעלט אידעאַליסטישעס מיט רעאַליסטישעס.

(געטהע).

* * *

עלענד בין איך און קראנק פון ליעבע, אַה! וואַרום זאָל מען אויך ליעבע ניט קאָנען היילען מיט קרייטיכער!

* * *

ליעבע איז אַ ריינער משוגעת. און ווי יעדע אַנדערע נאררישקייט פֿערדיענט זי דאָס משוגעים הויז און די בייטש. דער גרונד ווארום מען בעהאַנדעלט איהר ניט אַזוי, איז נור דערפֿאַר ווייל דיזע זאָרט משוגעת איז אַנ'אַלגעמיינע און איז צו געפֿינען אויך ביי די וועכטער פֿון משוגעים הויז.

(שעקספּיער).

❊ ❊ ❊

צוויי געליעבטע אָהן זעהנזוכט,
צוויי פֿערהייראַטע אָהן עראינערונג
זיינען פֿיער מענשען אָהן פּאָעזיע.

(האָפֿמאַן).

❊ ❊ ❊

ווען איין געלעהרטער מאַן געהט זוכען זיך אַ כלה, זאָל ער מיט זיך נעהמען אַלס מבין אַ גראָבען יונג.

(תלמוד).

❊ ❊ ❊

אין דער ליעבע ענטציקט אונז נור דער אָנפֿאנג, עס איז דארום גאָר קיין חידוש ניט וואָס מיר וואָלטען געוואָלט אַלע מאָל אויפֿ'ס ניי אָנפֿאנגען.

❊ ❊ ❊

זאַכען, לייכטע ווי לופֿט, זיינען פֿיר די אייפֿערזוכט שטאַרקע באַווייזע ווי אַ ביבעל שפּרוך.

(שעקספּיער).

❊ ❊ ❊

די אייפֿערזוכט מאַכט דעם מאַן דום, לעכערליך, און מאַכט שוואַכער די ליעבע אין אַכטינג פֿון דער פֿרוי צו איהם. די פֿרוי מאַכט זי אָבער גייסטרייכער, ליעבענסווירדיגער, און די עמפּפֿינדונג פֿון מאַן צו איהר שטייגערט זיך.

(בערנע).

❊ ❊ ❊

עס איז ניט גוט דאָס דער מאַן זאָל זיין אליין. איך וועל איהם צושטעלען אַ געהילפין זי זאָל זיין מיט איהם.

(ביבעל).

* * *

פערהייראַטע לייטע זאָגען זיך אין איין וואָך מעהר וואַהר-הייטען ווי אונפערהייראַטע קאָנען ערפאַהרען אין פיעלע יאָהרען.

(שיללער).

* * *

די ליעבע קניפט צוויי מענשען צוזאַמען, די הייראַט מאַכט פוןביידע איינס. די ליעבע טרינקט אויס איהר פריידען בעכער אין איין צוג, און די הייראט זופט פון איהם טראפּען וויז און לעדיגט איהם אויס ערשט ביי'ם קבר.

(קאָטצעבו).

* * *

אַ קליינער אונטערשיעד אין האַראַקטער איז אַ גליק צו פערהייראַטע לייט.

(קאָלערידזש).

* * *

נור איין שוואַכער מאַן הייראַטעט אויס ליעבע.

(דזשאָנסאָן).

* * *

דער מאַן איז דער העררפונ'ם הויז: אין הויז אָבער זאָל נור די פרוי הערשען.

(אַשענבאַך).

* * *

הייראטען איז א חסרון, אָבער אַ נויטוועגדיגער חסרון.

(מענאַנדער).

* * *

די מייסטע גליקליכע הייראטען ווערען אין זיפצען גע-שלאָסען, די מייסטע אונגליקליכע אינ'ם רויש פון ענטציקען.

(קאָטצעבו).

די פֿרוי וואָס האָט אַ גוטען מאַן.
זעהט מען אין איהר געזיכט אָן.

(געטהע).

❊ ❊ ❊

איז אַ גוטע, ליעבע פֿרוי, אין הויז, זאָ לאַכט די פֿריידע דורך'ן פֿענסטער הערויס.

(שפּריך-וואָרט).

❊ ❊ ❊

עס איז בעסער אין אַ ווינקעל אויף דעם דאַך צו וואָהנען, איידער מיט אַ צרה'דיגע פֿרוי, אין הויז.

(משלי).

❊ ❊ ❊

ווער עס האָט קיינע זאָרגען ניט, זאָל ער נעהמען אַ פֿרוי און בויען אַ שיף.

❊ ❊ ❊

מען האָט דעם פֿילאָזאָף דיאָגענעס געפֿרעגט: ווען זאָל מען הייראַטען? האָט ער געענטפֿערט: „אין דער יוגענד איז צו פֿריה און אויף דער עלטער איז צו שפּעט".

❊ ❊ ❊

זאָגאַר ביי דער זילבערנער חתונה קען מען נאָך ניט וויסען אויב די צוויי האָבען גלייך געטהון וואָס זיי האָבען חתונה געהאַט

(אַשענבאַך).

❊ ❊ ❊

היינטיגע ציטען ווערען די שעהנע ווייבער צוגערעכענט צו די טאַלאַנטען פֿון די מעננער.

(ליכטענבערג).

❊ ❊ ❊

די מענער רעגיערען די וועלט, די פֿרויען די מענער. וואָס נאָך ווילען זיי?

(גאָלטץ).

❊ ❊ ❊

די הייראַט איז אַ בונד ביי וועלכען דער מאַן און די פֿרוי פֿערפֿליכטען זייערע ליידען צו בעקלאָגען.
(היפפעל).

❊ ❊ ❊

ביי אַ גוט פּאאר פֿאָלק איז דער מאַן טויב און די פֿרוי, בלינד
(אַלפֿאָנס).

❊ ❊ ❊

און געלעגט האָט זיך אדם אין גן-עדן שלאָפֿען, האָט גאָט פֿון זיין זייט איהם אַ ווייב געשאַפֿען, אָה! אָרימער פֿאָטער אדם! דיין ערשטער שלאָף איז געווען דיין לעצטע רוה.
(קלווידיוס).

❊ ❊ ❊

עס איז אך און ווה, וואָס עס גיעבט ניט קיין אַנדער מיטעל ווי דאָס מענשען-געשלעכט צו פֿערמעהרען אויסער די פֿרויען!
(יוריפידאַס).

❊ ❊ ❊

די קייטען דער הייראַט זיינען אזוי שווער אַז צוויי מוזען זיך צוזאַמען נעהמען אום זיי צו טראָגען. טראָצדעם איז די הייראַט פֿון אַלע דומהייטען וואָס דער מענש בענעהט די יעניגע וועלכע איך וואָלט איהם ראַטהען עס צו טהון, דען עס איז וועניג-סטענס די איינציגע וועלכע ער וועט ניט אַלע טאָג באַגעהען.
(אלכסנדר דיומא).

❊ ❊ ❊

געהסטו אין מלחמה, זאָ בעט 1 מאָהל,
געהסטו אַף'ן ים, בעט 2 מאהל,
געהסטו הייראַטען, בעט 3 מאָהל.
(רוסישעס שפריכוואָרט).

❊ ❊ ❊

ליעבע מאכט בלינד; דאָס חתונה לעבען עפֿענט די אויגען.

❊ ❊ ❊

מיט דעם הייראַטען איז עס ווי מיט דעם פֿויגעל-שטייג. די יעניגע וועלכע זיינען ניט אינעווייניג, שטופּען זיך מיט גע-וואַלד אַריין, און די וועלכע זיינען אינווייניג ווילען אַרויס.

(מאָנטאַגנע).

❉ ❉ ❉

עהרע דיינע עלטערען, און עס יועט דיר וואָהל געהן און וועסט לאַנג לעבען.

(ביבעל).

❉ ❉ ❉

די מוטער גיבט אונזער גייסט וואַרימקייט, און דער פֿאָטער ליכט.

(זשאן פאול).

❉ ❉ ❉

אָט דער איז אַ קלוגער פֿאָטער, וועלכער קען זיין אייגען קינד.

(שעקספּיער).

❉ ❉ ❉

אַ געליעבטע ליעבט מען אַממייסטען, אַ פֿרוי אַם בעס-טען, און אַ מוטער איממער.

❉ ❉ ❉

די זונן קען ניט אויסטריקענען די טרעהרען פֿון אַ קינד, אַ מוטער קען עס. ניט די וואָלקענס טרינקען אָן דעם דורש-טיגען, נור אַ מוטער, די שטערן טרייסטען ניט דעם קראַנ-קען מאַן, די פֿרוי טהוט עס מיט איהרע פֿייכטע אויגען.

(שעפּפּער).

❉ ❉ ❉

איין איינציגע זאַך איז פֿאַראַן אויף דער ערד, וועלכע איז שעהנער און בעסער אַלס דאָס ווייב—דאָס איז די מוטער.

(שעפּפּער).

❉ ❉ ❉

מיט דעם וואָס די מוטער ארביים פֿיר איהר קינד, אַרבייט זי צו דערזועלבער צייט פֿיר זיך זעלבסט, יעדער פּפליכט ער-פֿילונג פֿיר איהר קינד איז אַ פֿערשעהנערונג און פֿערעדלונג פֿון איהר אייגענעם „איך".

(דזשוליע בוראָוו).

* ❉ *

דאָס הערץ פֿון אַ מוטער איז דאָס חדר פֿונ'ם קינד.

(הענרי וואָרד).

❉ ❉ ❉

גיבט דיזער דאָס קינד און טויטעט עס ניט, זיא איז די מוטער.

(שלמה'ס משפט).

* ❉ *

עס איז צו פֿעראַכטען יענע פֿרוי, וועלכע האָט קינדער, און נעמט זיך צייט צו פלוידערען.

(זשאן פאול).

❉ ❉ *

קינדער זיינען אַ מתנה פֿון גאָטט.

(תהלים).

❉ ❉ ❉

פֿון דיינע קינדער לעהרענסטו מעהר אַלס זיי פֿון דיר, זיי לערנען פֿון דיר אַ וועלט וועלכע איז מעהר נישטאָ, און דו לעהרענסט פֿון זיי אַ וועלט וועלכע ווערט און גילט.

❉ ❉ ❉

נאָך מעהר ווי די שעהנהייט בעצויבערט די שטימע; די ערשטע בעציערט דעם קערפער, די צווייטע די זעעלע.

(הערדער).

❉ ❉ ❉

פֿריהלינג! דיזער מאָנאַט איז אַ קוש וואָס דער הימעל גיט די ערד.

❉ ❉ ❉

אַ פרוי איז ערשט דאַן מיט איהר פּאָרטרעט צופריעדען, ווען עס זעהט אויס אַזוי ווי זי וואָלט גערן געוואָלט אויסזעהען.

* * *

וואָס איז אומגליקליכע ליעבע?—יעדע ליעבע וואָס ענדיגט זיך מיט—חתונה האָבען.

* * *

ליעבע מאַכט רייך און—ענטוישונגען. (בערנע).

* * *

די מאַכט פון מאַנכע פרויען ליעגט אין זייער אָהנמאַכט. (בערנע).

* * *

פיעלע מעננער ווערען דורך די ערפאַהרונג מיט זייערע פרויען ניט קלוגער, זאָנדערען נאַרישער.

* * *

די הייראַטה איז איין טעמפּעל, צו וועלכען אַפילו דער טייפעל אַליין האָט אַ צוטריט.

* * *

דער גט איז דער באַנקראָט פון דער ליעבע און הייראַטה.

* * *

אַ פרוי זאָל מען קיינמאָהל ניט פרעגען די צוויי פראַגען: „וואָרום זיא ליעבט, און ווי לאַנג זיא וועט ליעבען". ווייל זיא וועט ניט וויסען וואָס דאַרויף צו ענטפערען.

* * *

מאַנכע פרויען פאָדערען מעהר ליעבע אַלס צעהן מעננער קענען ערוויעדערען.

* * *

אויף הערץ קראנקהייטען, פערשטעהען זיך מאַנכע פרויען פיעל מעהר אַלס די מייסטע דאָקטוירים.

* * *

מאַנכע חתנים וואָלטען אויפגעגעסען זייערע כלות פיר גרויס ליעבע, און ערשט נאָך דער חתונה האָבען זיי שטאַרק חרטה, וואָרום זיי האָבען עס ניט געטאָהן.

* * *

דער נדן איז דאָס שמערצענס-געלט פיר דיא הייראטה.

* * *

דער העכסטער בעווייז פון אָפּפערפוללע ליעבע, וועלכען אַ מאַן קען אַ פרוי געבען, איז דאָס ער זאָל זיא הייראַטהען.

* * *

הייראטס ווערען אין הימעל געשלאָסען, דאַרום דאַרף מען טאַקי אויך האָבען הימלישע געדולד, זיא אויף דער ערד צו ערטראָגען.

* * *

אויב דיא הייראטה איז דאָס אָבשטאַרבען פון דער ליעבע, זאָ איז דער גט, תחית המתים.

* * *

די ליעבע מאַכט בלינד, אונד די הייראטה איז דער דאָקטאר וואָס עפענט דיא אויגען.

* * *

מאַנכע מענשען זוכען אין די הייראטה דעם גן־עדן און געפינען גאָר די שלאַנג.

* * *

אַ גאַנצער מענש ווערט ערשט דער מאנספערשוין דורך ווייב און קינד.

(געאָרג עבערס).

* * *

איין גליקליכע שעה אין זיין אייגען היים איז מעהר ווערט ווי די גאַנצע אייביגע אומשטערבליכקייט.

(מאָריס יאָקאי).

* * *

אין אַ וועלט, אין וועלכער אַלסדינג שאָקעלט זיך און וואַרפֿט זיך בעדאַרף מען אַ פֿעסטען "פונקט, אויף וועלכעס מען זאָל זיך קענען שטיצען. אַזאַ פונקט איז דאָס אייגענע היים, וואָס אַ מענש בויט זיך; דאָס היים איז אָבער נישט קיין פֿעסטער שטיין, ווי די וועלט זאָגט, נור אַ הארץ איז עס און דאָס איז ווען איינער האָט אַנ'אמתע געטרייע פֿרוי.

(י. מישעלע).

* * *

דער גייסט פֿון דעם מאַנספערשוין איז ווי זונען-העלער טאָג, דער גייסט פֿון דער פֿרוי איז געגליכען צו אַ לבנה-העלער נאַכט—דער פֿינסטערסטער טאָג איז אָבער העלער פֿון דער העלסטער נאַכט. אָבער דער טאָג פֿערטונקעלט די שטערען און מאכט דאָס גאַנצע לעבען וואָכענדיג, און די נאַכט רופֿט אַרויס אַלע וועלטען און מאַכט דאָס לעבען הימליש. דער טאָג בריינגט היטץ און טרוקעניש און שנאה; ער טריוקענט אויס אַלדינג און מאַכט אָן שנאה צווישען זאַלבע וועלכע זענען זיך אָם נאָהענסטען, און אפֿילו צווישען זייערע שאָטענס; די נאַכט בריינגט ווייכקייט און נחמה און ליעבע, און מעקט אויס אַלע גרעניצען און איז משדך אַלדינג וואָס האָט זיך פֿיינד און איז זיך פֿרעמד —

(לודוויג בערנע).

* * *

דאָס אייזען איז שטאַרק—איז דאָס פייער עס גובר;
דאָס פייער איז שטאַרק—איז דאָס וואַסער עס גובר;
דאָס וואַסער איז שטאַרק—איז די זון עס גובר;
די זון איז שטאַרק—איז דער וואָלקען זי גובר;
דער וואָלקען איז שטאַרק—איז די ערד איהם גובר;
די ערד איז שטאַרק—איז דער מענש זי גובר;
דער מענש איז שטאַרק—זענען צרות איהם גובר;
די צרות זענען שטאַרק—איז דער וויין זיי גובר;
דער וויין איז שטאַרק—איז דער שלאָף איהם גובר;
אָבער שטאַרקער פון אַלדינג איז די פרוי.

(עטיאָפיש. שפריכוואָרט).

* * *

די שעהנקייט פונ'ם פאַמיליען-לעבען איז דאָס בעסטע געגען-גיפט אַנטקעגען די איסגעלאַסענקייט פון די מענשליכע זיטען.

(רוסאָ).

* * *

עס איז נישט פאַרהאַנען אויף דער וועלט קיין שום צרה, מאָראליש אָדער אויסערליך, וואָס אַ פרוי זאָל נישט זיין אומשטאַנד זי לייכטער צו מאַכען.

(ביקאָנספיעלד).

* * *

צווישען מאַן און ווייב מאָג נור דער הימעל שלום מאַכען, אָבער נישט קיין פרעמדער מענש.

(אדם עהלענשלעגער).

* * *

חתונה נאָך ליעבע, איז אַזוי ווי רויך נאָך פייער.

(שאנפאָר).

* * *

עהרליך אויסזעהען איז ביי זיי אַלעס—יעדענפאַלס מעהר ווי עהרליך זיין.

(א. לינדנער).

* * *

עס זענען פֿאַרהאַן צווייערליי פֿרויען אויף דער וועלט: אַזאַלכע וואָס האָבען אַ האַרץ, און די דאָזיגע ליעבען נור איינעם, און אַזאַלכע וואָס האָבען נישט קיין האַרץ, און די דאָזיגע ליעבען הונדערטער מענער.

(אמוואש).

* * *

פֿון פֿרויען זאָלסט דו אַנטלויפֿען. זיי זעהען אויס ווי דער גן-עדן און זענען דער גיהנם.

(איטאַליעניש. שפּריכוואָרט).

* * *

פֿרויען ווייסען נישט אַ קלוגען מענשען צו שעטצען, אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבען נישט חתונה—מיט אַ נאַרען.

(מ. ג. זאַפֿיר).

* * *

פֿערליעבט זיין אין אַלע פֿרויען איז נישט געפֿעהרליך; געפֿעהרליך איז פֿערליעבט זיין אין איינע.

(מאַדאַם דע מאָנמאַרען).

* * *

צרות אָהן ליעבע—דאָס איז מעגליך; ליעבע אָהן צרות—אונמעגליך.

(גאָטפֿריעד).

* * *

אויף די טרייהייט פֿון אַ הונד קען מען זיך פֿערלאָזען ביז אין טויט אַריין; אויף די טרייהייט פֿון אַ פֿרוי נור — ביז עס מאַכט זיך איהר די ערשטע געלעגענהייט.

(פֿראַנצויזיש. שפּריכוואָרט).

* * *

די געפֿעהרליכסטע געוועהר—איז די צונג; —
מענש, זיי פֿאָרזיכטיג מיט דיין געוועהר!

* * *

איהר מיידליך, זענט נישט אזוי גרוים ביי זיך! די יעקב׳ס זענען שוין אויסגעשטאָרבען. ווער וועט היינט דיענען וועגען איינער זיעבען יאָהר? איך וואָלט נישט דיענען אפילו וועגען צוויי זיעבען שעה.

(מ. רישע).

❋ ❋ ❋

אַ נאַרישע פרוי איז פיעל ערגער ווי אַ נאַרישער מאַן— וויל זי רעדט מעהר.

(דניאל דארע).

* ❋ *

אַ פרוי וועט איהר קיינמאָל נישט געפינען אָהן אַן׳ענטפער —אַ חוץ ווען איהר געפינט זי אָהן אַ צונג.

(שעקספיער).

❋ ❋ ❋

גליקליך איז דאָס פאָאָר פאָלק דאָ, וואו דער מאַן איז דער קאָפּ און דאָס ווייב דאָס האַרץ.

(פריעדריך הויג).

❋ ❋ ❋

ביי דער ערשטער ליעבע מיינט מען אייביג, אז זי איז די לעצטע, און ביי דער לעצטער אַז זי איז די ערשטע.

(א. אגאי).

❋ * ❋

ביי צוואַנציג יאָהר פרעגט דאָס מיידעל: ווי אַזוי איז ער? ביי דרייסיג: וואָס איז ער? ביי פיערציג: וואו איז ער?

(ה. טהאָם).

❋ ❋ ❋

בעסער גיפטיגע שלאַנגען האָבען נעבען זיך, ווי שלעכטע פרויען; שלאַנגען האָבען גיפט אין דעם צאָהן, פרויען האָבען גיפט אומעטום.

(ק. קנאָרטץ).

❋ ❋ ❋

גענוי ווייסט מען ביי פרויען קיינמאָל נישט, וואו דער מלאך הערט אויף און דער טייוועל הויבט זיך אָן.
(הײנריך הײנע).

* * *

דאָס האַרץ פון אַ פרוי איז אַזוי ווי די בעקאַנטע מאַשינקע פון עדיסאָן, דער פאָנאָגראַף: עס חזר'ט איבער מיט מענשליכע שטימע נור דאָס, וואָס פאַטען און ערצעהלער האָבען דערינען פריהער אַריינגערעדט.
(קאַסטנער).

* * *

דער איצטיגער טרייסט וועלכען איך האָב אַלס פרוי איז דער, דאָס איך וועל ווענינגסטענס קיינמאָל נישט דאַרפען נעהמען אַ ווייב.
(לײדי מאָנטאַגיו).

* * *

די ירושה, וועלכע די ליעבע לאָזט, הייסט—חרטה.
(ע. פ. קאַסטנער).

* * *

די ליעבע קומט מיט פרייד, און געהט אַוועק מיט טרויער;
דער אָנהויב איז זעהר זיס, איהר סוף איז אָבער זויער.
(פלעמינג).

* * *

די פרוי ווערט דורך חתונה האָבען פריי: דער מאַן פערליערט דורך חתונה האָבען זיין פרייהייט.
(קאַנט).

* * *

די שעהנקייט פון פרויען פערלירט זיך באַלד,
די צייהן פאַלען אויס, דאָס אויג ווערט קאַלט;
נור איינס בלייבט ביז אין דעם טויט אַריין יונג—
די אונערמידליכע קליינע צונג.
(י. ראָזענבערג).

* * *

ווילסט דו אויספּרובען די פיינקייט פון גאָלד? רייב עס אויף דעם פּרובשטיין. די קראַפט פון איין אָקס? לעג אויף איהם משא. דעם כאַראַקטער פון אַ מאַנספּערשוין? הער זיך צו ווי ער רעדט. די געדאַנקען פון אַ פרוי? נישט פאַרהאַן דערצו קיין מיטעל.

(הינדישעס שפּריכוואָרט).

* * *

דער מענש ער האָט הויכע פערלאַנגען, —
די כחות, ווי שוואַך און ווי קליין:
איהם ווילט זיך דעם הימעל דערלאַנגען
און קען אויף דער ערד קוים אומגעהן.
איהם ווילט זיך די גאַנצע וועלט ליעבען
און לינדערן יעדערנס „אוי",
און ליעבע איז קוים איהם געבליעבען
פיר אַ זינדיגער אָרימער פרוי.

* * *

פערזאָמט האָט זיך משה אין הימעל
און דאָס פאָלק האָט נאך גאָט זיך פערבייִנגט —
איין אַנדערן גאָט זיך צו מאַכען
האָבען פרויען די ציהרונג געשענקט.
אָה, יעצט זענען אַנדערע פרויען —
עס בייטען זיך צייטען אַ שרעק!
אָה, היינטיגע פרויען פאַר ציהרונג
זיי שענקען דעם גאָט אויך אַוועק...

(א. ר.)

* * *

דאָס עהרליכעס צוזאַמענלעבען פון מאַן און ווייב איינשטימונג און פריעדליך איז דער אָנפאַנג און דאָס ענדע פון דער גאַנצער קולטור.

(געטהע).

* * *